ד. בערגעלסאָן

אַ שטעטל אין טאָל

א

„קינדערפריינד“.
וואַרשע 1937

נומער
13
1טער יאָרגאַנג

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/shtetlinta00berg

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 15122

A SHTETL IN TAL

David Bergelson

*Permanent preservation of this book was made possible
by The E.P. & Roberta L. Kirschner Foundation
In honor of Trustee Roberta Landwirth Kirschner*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

This book
once owned by a South African reader
has been presented
for future use to the
National Yiddish Book Centre of Amherst, Mass. USA

Jewish Studies Library of the University of Cape Town
Jacob Gitlin Library, Cape Town
Cape Town Yiddish Cultural Federation

דאָוויד בערגעלסאָן

אַ שטעטל אין טאָל

דערציילונגען:

1) דער טויבער,
2) שייועט געדאַליע,
3) סטאַציע קאָטלעט.

„קינדערפריינד", ווארשע 1937

Printed in Poland

D. B E R G E L S O N

A S Z T E T E L I N T O L

„Kinder-Frajnd", Warszawa 1937

זעצער־ ה. גלאַנץ, טוראַנאָווסקע 28 ת. 25

Druk. „R e n o m a", Warszawa

אין יאָר 1909 האָט דאָוויד בערגעלסאָן (דעמאָלט 25 יאָר אַלט) *) פאַרעפנטלעכט זײַן ערשטן ראָמאַן „אַרים וואָקזאַל״, און ער איז באַלד פאַררעכנט געוואָרן צווישן די מײַסטערס פון אונדזער ליטעראַטור.

אין מעשעך פון זײַן ביזאיצטיקער ליטעראַרישער טעטיקייט האָט בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגע רײ פון אויסגעצייכנטע דערציילונגען און ראָמאַנען, אין וועלכע דער מעכאַבער נעמט שטעלונג צו די גרויסע ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַר דער דאָזיקער צײַט. בערגעלסאָן אַליין האָט אַדורכגעמאַכט פארשידענע אידעאָלאָגישע ענדערונגען און ער האָט די געשעענישן אין יידישן לעבן געשילדערט און אויפגענומען אין העסקעם מיט זײַנע אָנשויונגען. דערפאַר אונטערשיידן מיר עטלעכע טקופעס אין זײַן ליטעראַרישן שאַפן.

שוין פון די ערשטע ווערק רײַסט זיך אַ שטאַרק קריטישע באַציִונג צו דעם אַלטן לעבנס־שטייגער אין שטעטל. בערגעלסאָן זעט דעם קליינבירגערלעכן טאַקיף אין שטעטל און דעם אוממעכטיקן פראָטעסט פון דעם פראָסטן מענטשן, וואָס איז נאָך דערווײַל אומבאַהאָלפן און — ווי אין „טויבן״ — צומאָל טראַגי־קאָמיש אין זײַנע באַמיִונגען נויקעם צו זײַן די איבערגעליטענע יעסורים. עס קומט אויף דער סויכער, דער קאַפּיטאַליסט, וואָס איז שוין נישט קיין לופטמענטש, קיין מענאַכעם מענדל, נאָר ער שטרעבט באַוווסטזיניק צו מאַכט, צו אָנזען און פאַרמעגן. דער אַמאָליקער יאַכסן ווערט אַ יורעד, און טיפן פון יאָרדים געפינען מיר אַ סאַך אין בערגעלסאָנס „שטעטל אין אַ טאָל״. עס זענען נישט נאָר יאָרדים אין מאַטעריעלן זינען, אָפּגעקומענע גווירים. צוגלײַך זעען מיר אַ סאַך יאָרדים פּאָליטישע. די

---

*) דאָוויד בערגעלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1884 אין דאָרף אָכרימאָווע ביי אומאַן (אוקראַינע).

צײַט וואָס נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 איז אַ צײַט פון געזעלשאַפטלעכער רעאַקציע אין רוסלאַנד. און די געוועזע־נע רעוואָלוציאָנערן מאַכן דורך דעם „אָפּגאַנג״ פון דער רעוואָלוציע מיט אַן אייגענעם באַרגאַראָפּ וואָס פירט צו אַנטוישונגען, צו אַפּאַטיע און אַפילע זעלבסטמאָרד.

די דרײַ נאָוועלן, וועלכע מיר דרוקן דאָ איבער, זענען גענומען פון פאַרשידענע טקופעס פון בערגעלסאָנס שאַפן. „דער טויבער״ איז זײַן ערשט ווערק וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין ייִדיש, די איבעריקע צוויי זענען געשריבן נאָך דער וועלט־מילכאָמע, האַגאַם טעמאַטיש געהערט „שיי־וועס געדאַליע״ צו דער צײַט פון פאַר 1914.

אַלע דרײַ וועלן אָבער אונדזער יוגנט — און דער איקער דער שוליוגנט — געבן אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט בערגעלסאָנס טעמאַטיק און זײַן אייגנאַרטיקן סטיל. די ערשטע צוויי זענען בילדער פון בערגעלסאָנס באַליבט „שטעטל אין אַ טאָל״ (אַזוי האָבן מיר טאַקע אָנגערופן די זאַמלונג), און די לעצטע — מיט פײַנעם הומאָר געשיל־דערט דאָס געענדערטע ייִדישע לעבן אין די נײַע באַדינגונגען פון נאָך דער מילכאָמע.

מ. טײַכמאַן

בערגעלסאָנס וויכטיקסטע ווערק

ארום וואָקזאַל	דרויב
נאָך אַלעמען	מידאַס האַדין
אָפּגאַנג	שטורעמטעג (נאָוועלן)
אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט	צונויפינגען (נאָוועלן)
יאָסעף שור	פענעק
דער טויבער (אויך אַלס דראַמע)	

דער טויבּער

1

אין אָנהייב האַרבּסט איז עפּעס ווידער פֿאָרגעקומען צווישן מענדלען, וואָווע ביקס ווּקסיקן און שיינעם באָכער, און צווישן עסטערן, דעם טויבּנס צווייאונצוואָנציקיאָריקן מיידל, וואָס איז אַ קעכין בײַם ביק געווען. מען האָט וועגן דעם גערעדט אין שטאָט בײַ די מאַרקקלייטן און בײַ וואָווע ביק אין דער גרויסער בײַטלמיל, ווו דער טויבּער האָט אומעטום געשטופּט זײַנע אָנגעשטרענגטע פֿאַרשטאָפּטע אויערן און געקוקט מיט כשאַד אויף יעדן מענטשן, וואָס האָט נישט ווײַט פֿון אים אַ שמייכל געטון, און דאָך איז אים אַ שטיק צײַט נישט געראָטן אַ וואָרט כאַפּן.

נאָך דעם האָט אים איינמאָל אין אַ ווינקל געטראָפֿן יאָסעלע באַבּציס, דער אויסגעדאַרטער קאָפּל-שמוינעריקער מילנעמאָן, און צו אים עפּעס לאַנג אין אַ טויבּן אויער אַרײַנגעשריגן. ער האָט געהערט אַ יוואָרט איבּער צען און דאָך האָט ער צו יאָסעלען אַלעמאָל מיטן קאָפּ געשאָקלט:

— יאָ. יאָ, ער הערט.

אַזאַ שעמעוודיקע טעווע האָט ער, דער טויבּער, שוין נעהאַט, געשאָקלט צו מענטשן מיטן קאָפּ און זיי פֿאַרזיכערט:

— יאָ, וואָס זשע דען, ער הערט נישט?

צוויי וואָכן צײַט האָט ער יאָסעלעס אָפּגעריסענע ווערטער בײַ זיך אין טויבּן קאָפּ געהאַלטן און ערשט נאָך דעם די מײַסע אָקאָרשט אָנגעהויבּן פֿאַרשטיין:

אַ מײַסע מיט צוויי אָפּגעזאָגטע מילאַרבּעטער, וואָס האָבּן מענדלען געוואָלט אויספּאַטשן און אין די פֿינצטערע אָוונטן אַרומגעשנאָרעט דאָרטן, לעבּן ביקס שטוב. האָבּן, הייסט דאָס, אָט די צוויי אַרבּעטער עפּעס באַמערקט... ער האָט נאָך אַלץ

נישט געוווסט, וואָס די אַרבעטער האָבן באַמערקט, אָפּגע־
שטעלט יאָסעלען לעבן מיל און צו אים מיט דער האַנט אַ
מאַך געטון:

— וואָס זאָל דאָס טאַקע באַדײַטן, אָט די מײַסע מיט
מענדלען און מיט עסטערן?

דאָס האַרץ האָט דעמאָלט אונטער זײַן ברייטביינערדיקער
ברוסט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, און געאָטעמט האָט ער מיט
לאַנגע, שווערע אָטעמס. ס׳איז אים געווען אַ ביזאָיען פאַר
יאָסעלען.

— זי האָט אים ליב,—האָט צו אים יאָסעלע אויפן טויבן
אויער געשריגן—זי, עסטער, האָט אים, דעם ביקס באָכער, ליב.

— זי האָט אים ליב?—האָט ער בײַ יאָסעלען שטיל אי־
בערגעפרעגט.

ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער אויסגעדאַרטער קאָפּל־
שמוינעדיקער יאָסעלע שטיפט, האָט ער דאָס מויל געעפנט
און געלאַכט:

— הע, הע, הע...

קיין קאָל האָט מען פון אים נישט געהערט, נאָר אַ
מאָדנע ווילדן ברום, וואָס האָט זיך געריסן פון זײַן פונאַנ־
דערגעצויגענעם מויל. זײַנע בלײַקאָלירענע אויגן האָבן געקוקט
אַזוי שפּאָטיש און מעשונע. ערשט נאָך דעם, ווען ער האָט באַ־
מערקט, אַז יאָסעלע רעדט ערנסט, האָט ער גענומען רעדן אויף
זײַן טויבן אָפּגעריסענעם שטייגער, מאַכנדיק נישט קיין אויס־
געאַרבעטע האַוואַיעס מיט איינער אַ קײַלעכדיק אײַנגעבויגענער
האַנט און רײַסנדיק מיט געוואַלד איינציקע ווערטער פון זײַן
ברייטביינערדיקער און קרעפטיקער ברוסט:

— אָט זאָל זי בײַ אים, דעם טויבן, אַ פרעג טון... ער
קאָן זיי דאָך אויסגעבונדן, דעם ביק מיט זײַן בען... אַ שפּילכל?!
צוואנציק יאָר אַרבעט ער שוין בײַ זיי אין מיל.

— און זאָל שוין יאָסל זאָגן, ער ווייסט דאָך, אַ?

יאָסעלע האָט מיט זײַן באַזאַפּטיק קעפּל געשאָקלט:

— ער ווייסט, פאַרוואָס דען זאָל ער נישט וויסן?

און אים, דעם טויבן, האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט
געוואָר ווערן, וואָס זאָגן דערויף מענטשן, געזונטע, נישט קיין

טויבע מענטשן. ער איז געגאַנגען אויפן וועג פון מיל און צו זיך אַליין מיט די הענט געמאַכט:

„אָט, ווען איןביידע זייטן פון זײַן גרויסן קאָפּ הענגען נישט ווי צוויי שמאַטעס קיין צוויי גרויסע און טויבע אויערן, וואָלט ער כאַפּן דאָ אַ וואָרט און דאָרטן אַ וואָרט".

אין זינען האָט ער געהאַט אַרײַנגיין אַמאָל צו איר אַהין, צום ביק אין קיך, און איר דאָרטן אַ נייטיק וואָרט זאָגן, נאָר פונקט אין יענער צײַט האָט זיך מיט אים אַליין דער וויסטער אומגליק געטראָפן. ס'איז אים שוין, אַפּאָנעם, אַזוי געווען באַשערט.

2

געשטאַנען זענען דעמאָלט קורצע און וויינענדיקע כעשוון־טעג.

נאַריש פאַרמאָרעשכוירעטע הימלען האָבן געמאַכט פּיס־קעס און געוויינט, אויף דער נאַסער און שוואַרצער ערד קוקנ־דיק, קאַוועיאָכל אַ גויסעס באַקלאָגט:

„ווייז איז אונדז... וואָס איז פון דיר געוואָרן..."

און דאָרטן, אין איינזאַמען טאָל, וואָס אַרויס דער שטאָט, האָבן שוין בײַם ביק אין מיל אַ קײַלעכדיקן מעסלעס די עלעקטרישע לאַמטערנעס געברענט, זיך טאָג און נאַכט געלויכטן אין טיפעניש פונעם גרויען נעפּל און ווי אויסגעמאַטערטע געלע אויגן געוווּנקען צו דער נאָענטער כעשווענדיק־געפּאַלענער שטאָט:

„מיר מאָלן מעל... מיר מאָלן מעל..."

אין פײַכטן נעפּל איז די פירשטאָקיקע מיל אײַנגעהילט געווען. רויִק, ווי פאַרקלערט, האָט זי געברומט איר אוראַלטן מאָנאָטאָנישן ברום און זיך געטרייסלט צוזאַמען מיט אירע פערציק מענטשן אַרבעטער. צווישן גערויש און טומל האָבן מענטשן געאַרבעט מעכאַניש און ערנסט שטום, ווי די מאַשינען און רעדער וואָס האָבן זיך אַרום זיי געדרייט, נישט גערעדט און נישט געקלערט, גלײַך ווי בײַ זיי אין מויעך וואָלטן גע־לעגן די גרויסע געפּאַקטע מיט ווייץ מילשאָפּן און בײַ זיי דעם סייכל אָפּגענומען:

„די שאָפּן זענען אַזוי ענג מיט ווייץ געפּאַקט... אַ ברייערע האָבן זיי? מען מוז מאָלן?"

נאָר זעלטן ווען האָט דער מילגערוויש אַ פּלוציםדיקן ציטער געטון און זיך מיט אַ טרויעריקן באַסקאָל דורכגעשניטן:

סטאָפּ!... סטאָפּ!...

נאָר קיינער האָט זיך אויף דעם נישט אָפּגערופן, און געדאַכט האָט זיך שוין, אַז דאָס באַסקאָל איז אַ ווײַטס און פאַרלוירנס, פאַרבלאָנדזשעטס געוואָרן אַהער, אין אַ פרעמדער אומבאַקאַנטער וועלט, זוכט עמעצן און קען נישט געפינען.

אַ באָרוועסער מיט אַ גלײַכגילטיקן שטויביקן פּאָנעם איז דער טויבער געזעסן אין דער אָנגעלאָדענער הייבמאַשין און זיך אַראָפּגעלאָזן פונעם פערטן שטאָק. עמעצער האָט פאַרבײַלויפנדיק עפּעס אויף דער הייבמאשין באמערקט און גענומען שרײַען מיט שרעקלעכע און ווילדע קוילעס:

— שטעלט אָפּ! שטעלט אָפּ!

בײַם טויבן אין האַרצן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, געשווינד אַרײַנגעגאָסן זיך אין מויעך און דאָרטן אַ בליץ געטון מיט אַן איבערגעשראָקענעם געדאַנק:

„די שטריק... די שטריק האָט געפּלאַצט".

מיט אַ נערוועזער שנעלקייט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר דער איבערגעבליבענער גאַנצער שטריק. ער האָט זיך אַזש אָנגעהויבן וווּנדערן:

„צי דען וועט ער אינעמעסן פון אַזאַ הויכקייט אַראָפּפאַלן?!"

נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט אים שוין מיט קויעך אַ שלײַדער געטון אין אַ זײַט. ער האָט געפילט, אַז ער פאַלט, און דאָך האָט זיך אים געדאַכט, דאָס עמעצער באַדויערט אים און שעפּטשעט אין איינעם פון זײַנע טויבע אויערן:

צו שפּעט... צו שפּעט...

קיינמאָל האָט ער, דער טויבער, אַזאַ שטיל קאָל נישט געהערט, זיך איבערגעשראָקן און צוגעשלאָסן די גרויסע בלײַקאָלירענע אויגן.

שפּעטער, ווען ער האָט די אויגן צוריק געעפנט, זענען שוין אַרום אים געשטאַנען פיל שטויביקע אַרבעטער, זיך אָנ-

בעבויגן צו אים און געשריגן אין זײַנע טויבע אויערן
— ווו, ווו טוט ווײ?

מיט אַ בלאָסן, קימאַט טויטן פּאָנעם איז ער אויף דער פּאָדלאָגע געלעגן און אַפילע קיין קויעך ניִשט געהאַט אָנצוּווײַזן אויף דער פאַרוווּנדעטער לאַפּעטקע און העכער, אויף דער זײַט.

נאָך דעם האָט מען אים אָפּגעטראָגן אין זײַן קליין שטיבל, וואָס אין שמאָלן קלויזגעסל. דער טאַנדעטניק מיט דער טאַנדעט-ביטשקע, וואָס האָבן בײַ אים אין די צוויי כאַדאָרים געוווינט, האָבן ניִשט געלאָזט, מען זאָל אים בײַ זיי ליגן, האָט מען אים געלייגט אין אַלטן הילצערנעם בעט וואָס אין קיך.

דער צווייפּאָנעמדיקער יאָסעלע באַבציס האָט בײַ זיך אין באָזאַפּטיקן קעפּל נאָך אַלץ כניפּעדיקע האַמצאָעלעך געהאַט — זיך פאַר מענדלען אין די אויגן אַ מעוואַטלדיקן קראַץ געטון און די מײַסע מיטן טויבן צונישט געמאַכט:

— אַן אומגליק אַ גרויסער... דער רועך וועט אים ניִשט נעמען, דעם טויבן.

און נאָך דעם געקומען צום טויבן אין קיך און אין זײַנע אויערן געשריגן:

— וואָס זשע, געזונטערהייט האָט ער געקלערט פון ביקס יאָדאַיִם אַרויס?

און צוליב וואָס האָט אים אָט דער צווייענדיקער כניפּע-באַנג גענוצט?

אים אַליין האָט דאָך שוין דער ביק כוישעד געוועזן אין אַ מיִעסער געניייוע. איינמאָל אין ווינטער האָט ער אים אַפילע אַראָפּגעשלײַדערט מיט אַלע קויכעס פון די שטיינערנע מיל-טרעפּ, אַזוי, אַז ער, דער אויסגעדאַרטער יאָסעלע, האָט זיך אויף טויט איבערגעשראָקן, זיך אָנגעכאַפּט פאַרן שפּיציקן בלוטפּליסנדיקן נעזל און געכליפּעט ווי אַ ייִדענע:

— אוי!... מײַן קאָפּ!... ער האָט מיך דערהאַרגעט! מײַן קאָפּ...

עפּשער האָט זיך אים אַליין שוין אויך אײַנגעגעסן דאָס כניפּעדיקע לעבן, און געוואָלט האָט ער שוין זײַן לײַטישער

און עמעסער, נאָר נישט געקאָנט און כאָטש געפונען פאַר נייטיק דעם טויבן אַ גוט וואָרט זאָגן:

–ס'וועט אים גאָרנישט זײַן, לאַכלוטן גאָרנישט, ער דאַרף זיך נאָר איבערליגן, די לאָפּעטקע מיט דער ריפּ אויסוואַרעמען.

האָט אָבער דער טויבער קיין כאָכמעס נישט פאַרשטאַנען און מאָרעשכוירעדיק נאָכגעשאָקלט:

– גוט, גוט, ער וועט זיך איבערליגן.

אַליין האָט ער שוין, דוכט זיך, נישט געקלערט, נישט וועגן לעבן און נישט וועגן טויט, געלעגן אין בעט מיט אַ גלײַכגילטיקן און בלאַסן פּאָנעם און זיך אַלץ נישט געקאָנט מעסיִען דאַס זײַן פונעם אומעטיקן געדאַנק:

„אַראָפּגעפאַלן... פונעם פערטן שטאָק אַראָפּגעפאַלן".

ס'איז אים שוין, דוכט זיך, אַלץ איינס געווען, צי ער וועט אַמאָל פונעם בעט אויפשטיין, צי ניין.

נאָך דעם איז איינמאָל געקומען צו אים עסטער, געקומען אַ שלאַנקע און פרישע מיט אַ נײַעם און שוואַרצן האַרבסט-רעקל און נאָך מיט נײַערע און שוואַרצערע ערנסטע אויגן. אַ ווײַלע איז זי לעבן זײַן בעט דערשטוינט און פאַרכאָלעמט געשטאַנען, זיך אַפילע געהאַלטן מיט אַ פינגער פאַר דער גאָמבע און אים פאַרקלערטערהייט באַדויערט:

– אַ טאַכלעס, אַ שיינער טאַכלעס איז פון דיר געוואָרן.

זי האָט זיך אײַנגעבויגן צו אים, אַפּאָנעם געוואָלט עפּעס אַרײַנשרײַען אין זיין טויבן אויער, נאָר זיך נישט אײַנגעהאַלטן און זיך פונאַנדערגעוויינט אויפן קאָל. דעם קאָפּ האָט זי אַלץ טיפער און טיפער אײַנגעגראָבן אין די שמאַטעס, וואָס לעבן זײַן ברוסט, געכליפּעט און געוויינט. אוממעגלעך איז געווען צו וויסן וועמעס אומגליק זי באַוויינט: זײַנעם, דעם צו בעט גע-פאַלענעם טויבנס, אָדער גאָר איר אייגענעם, דעם געהײמען און אומבאַקאַנטן, ווי יענע פינצטערע האַרבסטנאַכט, וואָס אין איר האָבן די צוויי אָפּגעזאָגטע אַרבעטער לעבן ביקס שטוב אַרומגעשנאָרעט און עפּעס באַמערקט.

דער טויבער האָט געקוקט אויף איר מיט זײַנע גרויסע בלײַקאָלירענע אויגן און געוואָלט זאָגן עפּעס אַ נייטיק, זייער נייטיק וואָרט. אַ מעטושטעשדיקס און פאָרמלאָזעס האָט דאָס וואָרט

לאַנג אַרוטגעשוועבט אין זײַן קאָפּ:

– יאָ, דעריקער–זאָל איר דער קאָפּ אין דער לופט נישט פּליִען, אָ!

ער האָט שוין אַפּילע געהאַט דאָס מויל געעפנט און אַ האַנט אויסגעבויגן. נאָר עסטער איז שוין פונעם בעט אויפגע־שטאַנען און גענומען דאָס האַרבסטרעקל פאַרקנעפּלען. זי האָט פּאַמעלעך און טרויעריק מיטן קאָפּ געשאָקלט, מאָרעשכוירעדיק אָפּגעזיפצט און אַפּילע אַ ייִאושדיקן טשמאָקע געטון מיטן מויל, גלײַך ווי זי וואָלט מיטן טשמאָקע וועלן זאָגן:

„אויך אַ טאַטע... מישטיינס געזאָגט... וועמעס אייצעס זי וועט דאָ אויסהערן...“

טאָג און נאַכט האָט שוין נאָך דעם געגאָסן דער רעגן, געגאָסן אַ רעגלמעסיקער און סטאַם פּאַראַקשנטער, גלײַך ווי עמעצער וואָלט אים בעטן, ער זאָל אויפהערן און ער וואָלט נישט פאָלגן און אויף צו לעהאַכעס זיך כאַזערן:

„וויל איך אַזוי... וויל איך אַזוי... וויל איך אַזוי...“

ברודיקע האַרבסטטרערן זענען גערונען איבער די נאַסע פאַרבלאָזע שויבן, זיך געשלענגלט פּאַמעלעך און פויל און פּנדלעך אײַנגעזונקען אין די אײַנגעהויקערטע און נאַסע קיכ־ווענט.

ווער האָט די טרערן באַדאַרפט?

אַלץ איז אַרום געווען אַזוי ברויגעז און בייז, אַפּילע דער אײַנגעהויקערטער און אָפּגעקראָכענער באַקאויוון, וואָס האָט דעם טויבן טאָג און נאַכט גלײַך אין פּאָנעם געקוקט.

אַזוי שטום איז אַרום געווען. דעם טויבן איז אַזש אַ כידעש געווען:

פלעגט ער דאָך אַמאָל דערהערן, ווי בײַם טאַנדעטניק קלאַפּט די ניימאַשין.

גאַנצע שאָען איז ער געזעסן אויפן בעט מיט אַראָפּגע־האָנגענע פּיס אַ מאָרעשכוירעדיקער און שווײַגנדיקער און גע־וואָרפן באַקאָשע־אויגן אויף דער טאַנדעטניטשקע, וואָס איז אַלעמאָל אין קיך אַרײַנגעקומען און זיך אין באַקאויוון מיטן נאַסן האָלץ געפּאָרעט.

אַזאַ קלייניקייט האָט ער זי געהאַט צו בעטן, און דאָך האָט זיך זײַן בלאַס אויסגעמאַטערט פּאָנעם ווי בײַ אַ בעטלער פאַרקרימט:

אָט ווען זי וויל נאָר אַ פּאָר ווערטער צו אים אין טויבן אויער אַרײַנשרײַען, וואָלט ער הערן, אויף וויפל ער איז טויבער געוואָרן.

אין אָבער די טאַנדעטניטשקע אַזאַ פאַרשאָלטענע שלאַנג געווען, אַלעמאָל איז זי לעבן זיין בעט דורכגעגאַנגען, זיך אַפילע אָנגערירט אָן זײַנע אראָפּגעהאָנגענע פיס און אַפילע איין מאָל אים נישט מעזאָקע געווען מיט קיין בליק. אַזאַ שלעכטע איז זי שוין געווען, אָט די אײַנגעראַרטע טאַנדעטניטשקע. און אויפמערקזאַמקייט האָט ער שוין נישט געקענט צו זיך צוציִען אַפילע מיט זײַן בעטלערשן פאַרקרומטן פּאָנעם.

אָט, ווען ער שטעלט איר אַ פיסל אונטער און פאַדהאָלט זי לעבן זיך, וואָלט זי אַזש אַ ציטער געטון פאַר שרעק און וואָלט זיך געכידעשט:

זע נאָר, ער לעבט נאָך, דער טויבער ? !

ס׳האָט אים פאַרדראָסן אויף דער טאַנדעטניטשקע, האָט ער שוין אויף איר מיט בייזע אויגן געקוקט און פאַר קאַפּ עפּעס אונטערגעברומט. אַזוי פלעגט ער אַמאָל בייז קוקן און אונטערברומען אויף זײַן ווײַב לייע. זי פלעגט זיך דעמאָלט אויף צו לעהאַכעס אין די קליידער שלאָפן לייגן, און ער פלעגט דערפאַר די שיסל געקעכטס פונעם טיש אַ כאַפּ טון און זי מיטאַמאָל אויף דער ערד אַ שלײַדער טון.

עסטער איז איינמאָל אַרײַנגעקומען און זיך לאַנג געקריגט פאַר אים מיט דער טאַנדעטניטשקע, און ער איז געלעגן אין בעט, גאָרנישט געהערט און שוין ווידער געטראַכט וועגן יענעם ערנסטן און וויכטיקן וואָרט, וואָס ער האָט זײַן עסטערן באַדאַרפט זאָגן. דאָס וואָרט האָט זיך לאַנג בײַ אים אין טויבן קאָפּ געדרייט און ענדלעך אַרויס אַ וויכס און נאַריש, נישט דאָס, וואָס ער האָט געקלערט:

– אָ, זעסטו, ווען זי, דײַן מאַמע, לעשאָלעם, לעבט...

אַרויסגעזאָגט האָט ער דאָס אַזוי האַרט און שווער, און דאָך האָבן זיך שוין זײַנע אויגן באַלד אָנגעהויבן שעמען פאַר

זיך אַליין און פּאַר איר, דער שלאַנקער און אויפגערעגטער, וואָס האָט שוין נישט געדענקט סאַראַ פּאָנעם איר יאָרנלאַנג געשטאָרבענע מוטער האָט געהאַט. זי האָט אויף אים מיט אַזאַ ווונדער געקוקט, גלײַך זי וואָלט בײַ אים געוואָלט פרעגן:

„צו וואָס נוצט זי איר איצט, אָט די געשטאָרבענע מאַמע, וואָס אויפן אַלטן בייסוילעם?"

זי האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ שטיקל פּוטער־געבעקס און אים געגעבן. האָט ער דאָס פּאַרזוכט, דערפילט דעם געשמאַקן טאַם און גענומען דאָס אַרומקוקן:

„דער ביק ווייסט וואָס גוט איז".

און פּלוצים איז דער געדאַנק, מיט וועלכן ער האָט זיך לאַנג אַרומגעטראָגן, אויסגעפורעמט געוואָרן אין די נייטיקע ווערטער:

—ס'איז קרום... אָט דאָס, וואָס די אַרבעטער האָבן דעמאָלט בײַנאַכט געזען...

—און וואָס נאָך? ער גלייבט זיי נישט, נישט דעם ביק און נישט דעם בען זײַנעם. ער גלייבט זיי לאַכלוטן נישט.

3

ס'איז דעמאָלט אַ פּראָסטיקע נאַכט געווען.

דעם טויבן האָט זיך געכאָלעמט, אַז ער קוקט אַרויס פונעם העכסטן מילפענצטער און זעט ווי אין מילהויף יאָגט זיך מענדל נאָך דער גויע, וואָס רוימט אין קאַנטאָר. די גויע אַנטלויפט מיט שרעק, גליטשט זיך אויפן אויסגעגאָסענעם אײַז און האָט מוירע: אָט, אָט וועט זי מענדל כאַפּן. און דאָרטן בײַ אַ זײַט שטייט שולץ, דער מילנער, האַלט זיך פאַרן בויך און שרײַט לאַכנדיק: כאַפּ זי!... כאַפּ, כאַפּ!...

און פּלוצים דערזעט ער, דער טויבער, אַז מענדל יאָגט זיך נישט נאָך דער גויע, וואָס רוימט אין קאַנטאָר, נאָר נאָך זײַן עסטערן. ס'כאַפּט אים אַזש אַ שוידער. עסטער אַנטלויפט, שטרעקט אויס די הענט און שרײַט פאַר פאַכעד. ווען ער איז נישט טויב, וואָלט ער הערן אַ האַרצרײַסנדיקן קוויטש.

די אויסגעדאַרטע און שלעכטע טאַנדעטניטשקע האָט אים

שוין נאָך דעם אַ גאַנצן פרימאָרגן געהאַלטן אין איין שעלטן:

–אַ כאָלערע זאָל אויף אים קומען... ביסט אַ מייוון, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צערעוועט בײַנאַכט?

זי איז אַפילע צו אים צוגעגאַנגען און פאַר זײַן אַרבל אַ שלעפּ געטון:

– וואָס, וואָס האָט ער אַזוי גערעוועט בײַנאַכט?

ער האָט זיך געכידעשט און מיט די אַקסלען געקנייטשט:

– ער האָט גערעוועט? ער האָט נישט גערעוועט.

אַליין האָט ער שוין נישט געדענקט נישט דעם כאָלעם, נישט מענדלען און נישט די גויע. אַרויפּציִענדיק אויף די פיס די אַלטע שטיוול, האָט ער זיי פון אַלע זײַטן באַטראַכט, אַ קלער געטון, אַז מען דאַרף זיי מיט עפּעס אַ פעטער זאַך אויסשמירן און איז אַוועקגעגאַנגען אין קלויז. דאָרטן איז ער לאַנג בײַ דער הייסער הרובע געזעסן און געטראַכט, אַז ער, דער טויבער, האָט ליב וואַרעמקייט, אויך האָט ער ליב אַ קאָפּ פון אַ פיש, הייסע און פרישע כאַלע און אַ שטיקל פעט פלייש, דאָס זעלבע פעט פלייש וואָס דער ביק האָט אַמאָל פאַר אים אין די אויגן געגעסן.

„דער ביק ווייסט וואָס גוט איז".

די קלויז האָט זיך ביסלעכווײַז מיט מענטשן אָנגעפילט. יידן גייען אַרום און שמועסן. אַ וווּנדער, וואָס מען דאַוונט נישט. מיט יעדער מינוט קומען אָן נײַע מענטשן; זיי לויפן אַרײַן מאָדנע געשווינד און מישן זיך אויס מיטן אוילעם, און דער אוילעם שלינגט זיי אײַן און ווערט גרעסער. מערער. דער טויבער קוקט מיט זײַנע בלײַקאָלירענע אויגן און באַמערקט: בײַ די, וואָס לויפן פון דאָס נײַ אַרײַן אין קלויז, זענען די פּענעמער דערשראָקן, און די אויגן מוירעדיק גרויס. זיי פרעגן, דוכט זיך, בײַ די, וואָס געפינען זיך אין קלויז: טאַקע? עמעס? יענע שאָקלען צו זיי מיטן קאָפּ, בלײַבן זיי שטיין ווי פאַר־גליווערטע און דערשלאָגענע און טשמאָקען מיט די ליפּן:

– סאַראַ ראַכמאָנעס...

מען קוקט, דאַכט זיך, אויף אים. מענטשן סוידען זיך בינטלעכווײַז און וואַרפן אויף אים מעשונעדיקע אויגן, און ער דרייט זיך לעבן זיי און רוקט אומעטום זײַן טויבן קאָפּ. מען

דוקט זיך נעבעך צו אים. עמעצער ווייזט אויף אים מיט אַ פינגער, קוקט ער זיך אַרום און באַטראַכט זײַנע בעגאָדים: אַ קאַשע, עפּשער האָט ער די הויזן נישט ריכטיק פאַרשפּילעט? מען גייט צו אים צו און מען שרײַט אים אויפן אויער, ער זאָל גיין אַהין, צו וואָווע ביקן. קוקט ער מיט אַזאַ וווּנדער און פאַרשטייט נישט: וואָס ווען דעם אוילעם אַרויסקומען, אויב ער וועט גיין צו וואָווע ביקן? ס'גייט צו אים צו אַ כאָ־שעווער ייִד און שרײַט אים אויפן אויער, ער זאָל גיין צום ביק. באַווײַזט ער מיט אַ פינגער צו זיך אויף דער ברוסט:

— איך? איך זאָל גיין?

ער פאַרשטייט גאָרגישט און גייט דאָך אַהין, צום ביק, קנייטשט מיט די אַקסלען און גייט.

נאָר דאָ, פאַרן ביקס שטוב, שטייען אויך פיל מענטשן, ס'דאַכט זיך אים, אַז דאָס זענען די זעלבע, וואָס ער האָט אין קלויז געלאָזן. זיי שטופּן זיך צום ביק אין די כאַדאָרים, פון די כאַדאָרים אין קיך און צוזאַמען מיט זיי שטופּט זיך ער, דער טויבער. ער וויל זיך נישט שטופּן, ווייסט נישט צוליב װאָס ער שטופּט זיך און שטופּט זיך פאָרט. די קיך איז שוין פול מיט מענטשן, ס'איז אָזש דאָרטן פינצטער, ס'שווינדלט אים אין די אויגן, אַלץ ציטערט און שאָקלט זיך געשווינד, ווי די זיבן וואָס בײַם ביק אין מיל. ס'ציטערן און שאָקלען זיך די קיך, די מענטשן, און אַפילע דער טאַפּטשאַן מיטן אײַנגעצווונ־גענעם, פאַרבלויטן מעס, וואָס צו אים שטופּט ער זיך ענדלעך צו. אין איין רעגע דערקענט ער דעם מעס:

יאָ, ס'איז עסטער, געוויס עסטער.

ער הייבט זיך אַפילע נישט אָן צו וווּנדערן. אַדעראַבע, ס'דוכט זיך אים: ער איז שוין דאָ אַמאָל בײַ אָט דעם זעלבן טאַפּטשאַן מיט דעם זעלבן טויטן געשטאַנען. שוין לאַנג איז דאָס געווען, זייער לאַנג, נאָר ס'איז דאָך געווען. אַפילע די זעלבע פיל מענטשן זענען דאָרטן אַרום געשטאַנען און אַ מאָרע־שכוירעדיקער ווינטערדיקער פרימאָרגן איז דעמאָלט, ווי איצט, אין דרויסן געווען.

עמעץ טוט אים פאַרן אַרבל אַ שלעפּ און ווײַזט אים אויף דער סטעליע. ער קוקט: אַ שטריק הענגט נאָך דאָרטן אַראָפּ

פונעם קרוק. ער פארשטייט שוין, אַז זי האָט זיך געהאָנגען. וויל פרעגן „פאַרוואָס?״, פרעגט נישט, און כאַפּט אַ קוק אויף דער אַלטיטשקער ייִדענע, וואָס שטייט צוקאָפּנס פונעם מעס. זי האָט זיך פאַרקרימט, אָט די אלטיטשקע ייִדענע, זיך איינגעהויקערט, געעפנט דאָס ציינלאָזע מויל, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ מיט די געשלאָסענע אויגן און זיך פאַרקרימט. זי וויינט. אַפּאָנעם, מיט אַ האַרצרייסנדיקן קאָל, נאָר ער איז טויב און הערט נישט. ער פאַרקרימט זיך אויך, וויל אויך וויינען און קאָן נישט. ס׳ווערט אַ גערודער, מען טרייבט פונאַנדער דעם אוילעם. דער אַלטער כצוורע־קאַדישע־שאַמעס שרייט דאָרטן ביי דער טיר:

– נו, געננג, גייט אייך געזונטערהייט.

די קיך ווערט ליידיק. מען טרייבט אים אויך, וויל ער נישט גיין. מען שלעפּט אים פאַר די פּלייצעס, וואַרפט ער אַרום זיך אַזעלכע שלעכטע אויגן און כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַרן טאַפּטשאַן מיטן טויטן. מען רייסט אים מיט קויעך. שלעפּט ער נאָך זיך דעם טאַפּטשאַן מיטן טויטן. מענטשן חערן מיד און לאָזן אים צורו. נאָר ער דערזעט עמעצן אין טיר פון קיך און דערמאָנט זיך אָן כאָלעם, אָן מילהויף, אָן מענד־לען, אָן דער גויע און אָן עסטערן. ער לאָזט אָפּ דעם טאַפּ־טשאַן און לאָזט זיך ערגעץ לויפן. נאָר באַלד פאַרגעסט ער חוהין ער דענקט לויפן, רייסט זיך דאָך אַרויס אויפן גאַס און לויפט גיך, מיט אַלע קויכיס. די שטיוול פאַרקריכן טיף, טיף אינעם אויפגעבלאָזענעם שניי און ער עטעמט שווער, פּילס, ווי ס׳לאָזט זיך אויס דאָס כיִעס און לויפט.

דאָס איז געווען אַזוי מאָדנע און ווילד.

ביים ביק האָט מען פאַרגעסן אויף נאַכט די בעהיימע אין שטאַל פאַרטרייבן, האָט מען זי נאָך דעם גאַנץ פרי מיט אַן אָפּגעשניטענעם עק אין דרויסן לעבן הויפּטיר געפונען. פון שטוב זענען אַלע מענטשן מיטן ביק בעראָש אַרויס. מען האָט די בעהיימע אין הויף אַרייננגעלאָזן, זיך אַרומגעשטעלט, זי באַ־

טראַכט, און זיך מיט דערשטוינטע פּענעמער אין די אויגן געקוקט:

— וואָס זאָל דאָס באַטייַטן?

דער עק איז מיט אַ שאַרפער זאַך געווען אָפּגעהאַקט הויך בייַם רוקן. פונעם פאַרוואונדעטן אָרט האָבן נאָך געטריפט טראָפּנס בלוט. אַ מאָרעשכוירעדיקע און אומגליקלעכע איז די בעהיימע געשטאַנען צווישן היימישן אוילעם. געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, טרויעריק מיט די גרויסע בעהיימישע אויגן געפינקלט און, דאַכט זיך, געטראַכט:

„אָט קוקט-אייביק, וועל איך שוין קיין עק נישט האָבן... אַז אָך און וויי איז צו מיר...“

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען זיך בייַם ביק אין שטוב די קעפּ געבראָכן:

— ווּעמעס אַרבעט זאָל דאָס זייַן?

מען האָט פון אַ זייַט בליקן אויף יאָסעלען, דעם אָפּ-געזאָגטן נעמאָן, געוואָרפן, כוישער געווען די צוויי אַרבעטער, וואָס האָבן מענדלען אויסגעפּאַטשן געוואָלט, זיי אַפּילע צום או-ראַדניק גערופן און זיי דאָרטן אויסגעפּאָרשט. ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז מען אָקערשט אויף אַ סוואָרע געפאַלן:

— כ׳בעט אייַך, עפשער איז דאָס גאָר דעם טויבנס-אַרבעט?

עמעצער האָט אַ זאָג געטון גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרייַן, און אַלע האָבן זיך שוין נאָך דעם אָן אָנגעכאַפּט. ס׳איז געווען אַזוי מעשונע און נישט צו גלייבן אויף אים, דעם ווּקסיקן און ברייטביינערדיקן טויבן מיטן צוגעגאַרטלטן לייַבל, אָנגערוקטן שמויסענעם היטל און מאָרעשכוירעדיק גלייַכגילטיקן פּאָנעם, און דאָך האָט מען געגלייבט, זיך געוואונדערט, נישט פאַרשטאַנען און געגלייבט:

— אַ קאָשע אויפן טויבן? ס׳איז דאָך מיט אים עפּעס נישט אינגאַנצן גלאַט.

אָט האָט אים איינמאָל די אויסגעדאַרטע טאַנרעטניטשקע דערצאָרנט, האָט ער איר אַן אויסגעטוענעם שטיוול אין קאָפּ געוואָרפן, געכאַפּט אירע בעטן, טישן און בענקלעך און זיי מיט קאַס אין דרויסן אַרויסגעשלייַדערט.

מען איז דעמאָלט פונעם גאַנצן שטעטל זיך צוזאַמענגע־לאָפן, געקוקט פונוויַטנס און מורא געהאַט צוגיין. איינער האָט דעם צווייטן איבערגעגעבן:

— דעם טויבן זענען די „געבלוטן" אַריַין אין קאָפּ.

די אויסגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע האָט זיך דאָ אַרומגע־דרייט, זיך געקלאַפּט מיט צוויי פויסטן אין קאָפּ און געריסן איר שמאָלן און הייזעריקן האַלדז:

— ייִדן, קוקט: אַ פּאָגראָם מאַכט ער מיר... אַ פּאָגראָם!

און ייִדן זענען געשטאַנען און האָבן געקוקט. ס'האָבן זיך שוין געפונען גוטהאַרציקע קרעפּטיקע קינדער, וואָס זענען גרייט געווען אויף דעם טויבן זיך אַרויפוואַרפן, האָט אָבער די טאַנדעטניטשקע סאָנים געהאַט, זיי האָבן געבליצט אויף איר מים בייזע אויגן און געשעפּטשעט הינטער אירע פּלייצעס:

— נישקאָשע, נישקאָשע, זי איז זיך אינעם טויבן געגנוג נויקעם.

און דאָרטן, בייַ דער שטוב, האָט נאָך דער טויבער עפּעס אין דרויסן אַרויסגעשליַידערט און געשאָלטן מיט אַ דערשטיקטן קרעכץ:

— אַ ר–ר–רוצח!...

מען האָט אים טאַקע צום אוראַדניק געגרופן און זיך בייַ אים דערפרעגן אָנגעהויבן:

— דו קענסט זי, דעם ביקס בעהיימע?

דאָ האָט ער זיך אָבער אָנגעכאַפּט אינעם וואָרט „ביק" און דאָס נישט געקאָנט פאַרגעסן:

— יאָ, יאָ, וואָווע ביק.

דעם אוראַדניק איז באַלד נימעס געוואָרן און געחאָלט האָט ער שוין וואָס גיכער פּאָטער ווערן פון אָט דער ווונק־סיקער אוז ברייטביייניקער בריִע, וואָס קוקט אויף אים מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן און בעבעט מיט שווערקייט אַלץ איינאוּנאיינציק וואָרט. האָט אָבער דער טויבער נישט געוואָלט פון אים אָפּטרעטן, געקראָכן צו אים אַלץ נענטער און נענטער און אַפילע געמאַכט צו אים מיט דער האַנט:

— וואָווע ביק.. אָ...

עפּעס האָט ער אים געוואָלט דערציילן וועגן אַ בייטל־

מיל וואָס האַלט זיך אין איין טרייסלען, וועגן אַ טאָפּטשאָן מיט אַ מעס און וועגן אַ קרוק מיט אַ שטריק; געוואָלט דער־ציילן און נישט געקענט. ווי אין אַ נעץ איז ער פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין דער מאַכשאָווע וועגן ביק און זיך פון איר אַרויס־רייַסן קיין קויעך נישט געהאַט.

דער אוראַדניק האָט אים ענדלעך אַרויסגעשטופּט און פאַרשלאָסן די טיר, און ער איז נאָך דאָרטן לאַנג געשטאַנען און געגנומען, גאָט ווייסט נאָך וואָס, די הויזן איבערבינדן. אַ ייִד פון שטאָט איז פאַרבײַ דורכגעגאַנגען, האָט ער אין די הויזן פאַרגעסן, זיך געלאָזט גיין צו אים, שוין אָפּילע אויס־געשטרעקט אַ האַנט פאָרויס און אים אָנגעהויבן דערציילן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט נאָר וואָס געוואָלט דערציילן דעם אוראַדניק:

— אָ!... דער ביק!...

דער ייִד האָט זיך איבערגעשראָקן און מיט אַ מוירעדיק האַרץ־קלאַפּעניש אָנטלאָפן אין אַ זײַט, און ער איז געגאַנגען ווײַטער צו דער שטאָט צו און אויסגעשטרעקט די האַנט צו יעדן מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט. ייִדן האָבן פאַכעד באַ־קומען און אים דעם וועג אָפּגעטראָטן. און ער איז אַלע מאָל שטיין געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט נישט קיין געענדיקטן וואָרט:

— אָ!... דער ביק!...

יעדע מאַכשאָווע האָט זיך, אַפּאַנעם, מיט אָט דעם וואָרט אין זײַן געפּרעסטן מויעך אָנגעהויבן, נאָר קיינער האָט נישט געוואָלט הערן אָט די מאַכשאָווע, איז ער דערפאַר בײַם ערשטן וואָרט געבליבן, גלײַך ווי ער מיט אָט דער מאַכשאָווע וואָלטן אויף עמעצן געהאָפּט און געוואַרט, אָט וועט ער סאָף קאָל סאָף קומען, יענער מענטש, וואָס וועט אים וועלן אויסהערן, וועט ער דאָס ערשטע וואָרט אָפּלאָזן און וועט אים אַנטדעקן אַלע מאַכשאָוועס, וואָס אין זײַן טויבן און געפּרעסטן קאָפּ.

פאַמעלעך איז ער אַזוי פאַרגאַנגען אין קלויז, געעפנט די טיר און אַרײַנגערוקט זײַן טויבן קאָפּ. קיינער איז אין קלויז נישט געווען, האָט ער זיך בײַ דער הייסער הרובע גע־זעצט. אַרום אים איז אַזוי שטיל און רויִק געווען. די קלויז־

שויבן, מאַט פאַרפרוירן, די שניינדערס פאַרלאָזן, ווי מאַצייוועס פון קעדוישים וואָס שטייען מיטן פּאָנעם צו מיזרעך-זײַט און כאַפּן אַ קוק אַהין, צו גאָט באָרעך הו.

כראָפּעט זיך ערגעץ קעגנאיבער דער הייסער הרובע אַ ייִד אַן אָרעמאַן, וואָס איז פון די ווײַטע מעקוימעס צופוס געקומען, כראָפּעט פון אַ געשמאַקן בײַטאָגעדיקן דרימל און כאָלעמט וועגן אַ סאַך, אַ סאַך איינציקע קאָפּיקעס.

און דער טויבער זיצט דאָ מאָרעשכוירעדיק בײַ דער הרובע און הערט נישט, ווייסט נישט אַפילע, צי דאָרטן, קעגנאיבער דער הרובע, ליגט אַ מענטש. זײַן מויעך איז אײַנגעפרעסט, קאַלט און געדענקט שוואַך און נעפּלדיק אַ טרויעריק געשעעניש מיט זײַנער אַ פאַרוווּנדעטער לאָפּעטקע, מיט אַ טאַפּטשאַן, מיט אַ מעס, און מיט אַן אײַזערנעם קרוק, וואָס צו אים איז אַ שטריק צוגעבונדן. און אַרום אַלעס דרייט זיך אַן אָנגעהויבענע מאַכשאָווע מיט נישט קיין געענדיקטן וואָרט:

„דער ביק!... אָ!...“

ס'קומט אַרײַן יאָסעלע דער נעמאָן, טוט אויס דאָס שמויסעגע פוטער און זעצט זיך לעבן אים בײַ דער הרובע. פּאַמעלעך און פאַרכאַלעמט גלעט ער זיך זײַן שפּיציק בערדל. און דאַכטן דאַכט זיך שוין, אַז ער קלערט זײַנע טאָמיד בייזע־לעכע מאַכשאָוועס, מאַכשאָוועס פון אַ ייִדן אַ מעטופּל, וואָס זיצט אָן פּאַרנאָסע. האָט אָבער יאָסעלע אַ נעשאָמע, וואָס עס באַרירן זי צײַטנווײַז ווילד פרעמדע איניאָנים. ער שרײַט עפּעס אינעם טויבנס פאַרשטאָפּטן אויער, און דער טויבער בייגט צו אים זײַן געפּרעסטן קאָפּ און שאָקלט אים נאָך:

– געשטאָרבן?... וואָס זשע דען? אַוודע געשטאָרבן.

ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר יאָסעלע לאַכט. ס'פאַרקנייטשן זיך יאָסעלעס צוגעשוירענע וואָנסעס מיט דער אויבערשטער ליפּ און ס'באַווײַזן זיך געלע, פאַרראָסטעטע ציינער. יאָסעלע שרײַט ווידער, און ער קוקט אים אין די אויגן. זײַן פּאָנעם איז מאָרעשכוירעדיק, די בלײַענע אויגן זענען פאַרגליווערט און אויסגעגלאָצט, דאָך כאַפּן זיי בײַ יאָסעלען איבערגעריסענע ווערטער און גיבן איבער דעם געפּרעסטן מויעך:

—דער ביק איז אַ כאַזער... אַ רײַכער כאַזער, נישקאָשע.

ס׳דוכט זיך אים, אז יאָסעלע רייצט זיך מיט אים, און ס׳פאַרדריסט אים. נאָר באַלד פאַרגעסט ער, אַז ס׳פאַרדריסט אים און וואָס ס׳פאַרדריסט אים, און געדענקט נאָר דעם ביקס הייכע און ווײַס אָפּגעקאַלעכטע שטוב מיט אירע פונאַנדערגע-וואַקסענע אַקאַציע-ביימער וואָס פאַר די פענצטער, און מיט איר ריין בלויצן ווי נאָר וואָס אָפּגעוואַשענעם פאַרקן.

עס ווערן טונקל די געקווייטלטע פאַרפרוירענע שויבן. מענטשן קומען אַרײַן אין קלויז, רוקט ער זיך פאַמעלעך אַרויס אין דרויסן, פאַרלייגט די הענט אין די אַרבל און לאָזט זיך ערגעץ גיין. ער שפּאַנט פּאַמעלעך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. נאָר באַלד פאַרגעסט ער, ווּהין ער גייט, פילט אַפילע נישט צי ער גייט, ווייסט נישט צי אין דרויסן איז זומער, צי ווינטער. יינגלעך פאַרלאָזן אויף אַ ווײַלע דעם גליטש און לויפן אים נאָך. עפּעס שרײַען זיי צו אים, נאָר ער הערט נישט, גייט צווישן צוויי שורעס הילצערנע קלייטן און קוקט זיך אויף זיי נישט אום. מענטשן קערן אים אָפּ דעם וועג, און ער באַמערקט זיי נישט. פון הינטן פאָרט אָן אַ שליטן. דעם פויער איז קאַלט, ער פוילט זיך נעמען די לייצעס אין די הענט און אָפּקערן, שרײַט ער צו אים: „בערעגיס!״ *). און ער הערט נישט. דער דישל טוט אים אַ קלאַפּ אין די אײַנגעהויקערטע ברייטע פּלייצעס, כאַפּט ער זיך מיט דער האַנט פאַרן פאַרוואונדעטן אָרט, קוקט זיך נישט אום און גייט ווײַטער.

ער שטעלט זיך אָפּ בײַם ביק אין פינצטערן קאָרידאָר און ער ווייסט נישט, ווּהין ער זאָל ווײַטער גיין. די רעכטע טיר וואָס פירט אין עסצימער, איז צוגעמאַכט שטײַף און פעסט, גלײַך ווי זי איז געשלאָסן פון אינעווייניק. די לינקע טיר, וואָס צו דער קיך, איז עטוואָס אָפן. א לאַנגע און שמאָלע שײַן ציט זיך דורך איר פון דער קיך, צעשפּרייט זיך אויף דער פאָדלאָגע פונעם פינצטערן קאָרידאָר און רירט זיך נישט. ער שטעלט זיך אין ווינקל וואָס קעגנאיבער אָט דער טיר, און רירט זיך אויך נישט. מען גייט מיט אַ לאָמפּ גיך אַדורך און מען באַמערקט מיט שרעק אַ פּאָר אָפּגעריבענע שטיוולנצוזער.

---

*) היט זיך (רוסיש).

ס'ווערט א גערודער, און ס'שטייען שוין לעבן אים אַלע שטוב־מענטשן. דער ביק אַליין שרײַט עפעס אין זײַן טויבן אויער, גאָר ער הערט נישט און טראַכט:

—דער ביק איז אַ כאַזער... אַ רײַכער כאַזער... נישקאָשע.

און בעשאַס ער קומט צוריק צו זיך אין שטיבל און שטעלט זיך לעבן טאַנדעטניק בײַ דער הרובע, טראַכט ער נאָך אַלץ וועגן דעם.

איצט געדענקט ער שוין, אַז ער איז געווען בײַם ביק אין שטוב און האָט אים געזען גאָר נאָענט לעבן זיך.

און נאָך געדענקט ער: ער איז אַ מויבער, אַ ייִד אַ טרעגער, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ ווײַב לייע מיט אַ מיידל — עסטער.

ער פאַרקרימט זיך אַפילע און באַווײַזט דעם טאַנדעטניק צו זיך אויף דער ברוסט:

— עסן... ס'קלעמט אים אָט דאָ, בײַם האַרצלעפעלע.

און דער טאַנדעטניק זיצט רויִק לעבן אים, האַלט אַ קליין פאַרשמוצט קינד אין שויס און גלעט מיט אַ האַנט זײַן אומריין קעפל, זײַן קאָל איז צעקראָכן און מאָנאָטאָניש, ווי דאָס קאָל פון אַ ייִדענע. ער האָט נישט קיין באָרד. עטלעכע איינציקע האָר שטעקן אין זײַן גאָמבע און אין דער אויבער־שטער ליפּ און שאָקלען זיך, בעשאַס ער רעדט. ער גענעצט זיך פונאַנדער, הייבט זיך אויף און שרײַט צום טויבן אין אויער:

— ער איז נישט קראַנק באַצאָלן, דער ביק...

דאָס ברודיקע קינד פאַרקרימט זיך, עפנט אַ קליין מײַלכל אָן ציינער און פאַרגייט זיך. און דער טאַנדעטניק הצרט נישט און שרײַט נאָך אַלץ צום טויבן:

- אַ רועך אין ביקס טאַטן!

די טאַנדעטניטשקע לויפט אָן ערגעץ פון גאַס, כאַפּט דאָס ווײנענדיקע קינד אויף אירע קאַלטע אויסגעדאַרטע הענט און רײַסט איר שמאָלן האַלדז:

—פאַר אַזאַ מײַסע מעג ער גוט באַצאָלן, דער ביק... ער האָט אָבער געוווסט אויף וועמען אָנצוטרעפן.

זי שלעפּט אים פֿאַר דער האַנט און שרײַט:

— טויבער גוילעם!... וואָס שווײַגסטו?

נאָר בײַם טויבן זענען שוין די געדאַנקען ווידער פֿאַר־פּלאָנטערט. ער קוקט גלײַך אין דער טאַנדעטניטשקעס פּאָנעם און רירט זיך נישט.

אַ שאָכן, אַ שנײַדער מיט אַ ווייכער און ליכטיקער באָרד, קומט צום טאַנדעטניק אין שטוב אַרײַן, באַטראַכט לאַנג דעם טויבן און שלעפּט פֿאַר זײַנעם אַן אַרבל:

— טויבער, סאָראַ טאָג איז הײַנט?

ער איז אַזאַ ווייכער און גוטיטשקער, אָט דער יונגער שנײַדער מיט דער לאַנגער ווייבער באָרד. ער וויל אויספֿאָרשן אויף וויפֿל דער טויבער איז צעמישט, און בײַ אים אַליין קלאַפּט שוין אַזוי שנעל דאָס האַרץ, און דאָס פּאָנעם זײַנס, דאָס איידעלע, איז שוין רויט, און די אויגן זײַנע שעמען זיך שוין, פֿינקלען און שעמען זיך: ער ווייסט? עפּשער האָט ער אַ נאַרישקייט געטון...

נאָר דער טויבער ווייסט נישט, ווער ס'שלעפּט אים פֿאַר זײַן אַרבל, ווייסט נישט נאָך וואָס מען שלעפּט אים, ווייסט נישט, צי בײַ דעם וואָס שלעפּט אים איז הײַנט שאַבעס, צי וואָך. אַן אײַנגעהויקערטער, מיט פֿאַרבאַהאַלטענע הענט פֿאַר־לאָזט ער די שטוב, גייט ערגעץ און ווייסט נישט וווּהין, דרייט זיך לעבן דער קלויז און אין מאַרק בײַ די קלייטן און דער־זעט פּלוצים, אַז ער שטייט ווידער בײַם ביק אין שטוב. דער ביק שטייט אים אַנטקעגן און שרײַט אין זײַנעם אַן אויער, אַ שמאַטע:

— וואָס ווילסטו, טויבער?

מען עפֿנט די טיר און מען ווײַזט אים, ער זאָל זיך נעמען דעם וועג, פֿאַרלייגט ער ווידער די הענט אין די אַרבל און פֿאָלגט שווײַגנדיק און שטיל.

5

און ווינטעריש נעפּלדיקע מעסלעסן האָבן געגענעצט און געבוירן קורצע און פּראָסטיקע טעג. דאָס זענען נישט געווען

קיין טעג, נאָר טונקעלע און מעסוקנדיק קאַלטע ביין-האַש-מאָשעסן.

ס'האָט געשאָטן שניי.

גאַנץ פרי האָט דער טאַנדעטניק מיט דער ווײַבס שאַל אויפן גרויסן שמויסענעם פוטער אײַנגעהילט, זיך אין מאַרק אַרויסגעכאַפּט און באַלד צוריק אַ פאַרשאָטענער מיט שניי און מיט אַ פאַרבלויטער נאָז צו לויפן געקומען. ער האָט געריבן די פאַרפרוירענע אויערן מיט די פאַרשטיינערטע שפּיצפינגער און דערציילט דעם ווײַב וועגן דרײַ פאַרפרוירענע, וואָס מען האָט ערגעץ נאָענט אונטער אַ פאַרשאָטענעם דאָרף געפונען.

יאָ, און וואָס נאָך? יידן האָבן זיך אויף אַ יאַריד גע-לאָזן פאָרן און זיך קוים לעבעדיקע פון הינטער דער שטאָט צוריק פאַרשלעפּט.

אזוי צופרידן איז ער שוין געווען-דערמיט, וואָס ער האָט זיך מיט אַ סאַך הייצונג פאַרגרייט, געהאַלטן אַ שטיקל אַר-בעט בײַ דער הייסער הרובע, געקוקט אויף די פאַרבלאָזענע שויבן און זיך פאַר סימכע אַזש מיטן טויבן געוואַרטלט:

—זיך אין שטוב, טויבער... דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר?

האָט אָבער דער טויבער נישט געהערט און זיך דאָס זײַניקע געטון: דאָס קורצע און גראָבע לײַבל האָט ער אויף זיך אַרויפגעוואָרפן, די לענדן זיך שטײַף אונטערגעגאַרטלט, דאָס היטל איבער די אויערן אָנגערוקט און אַפילע די טאַנ-דעטניטשקעס פון הינטן פאַר איר קאָפּטל אַ שלעפּ געטון:

– אָט זאָל זי זען – ער גייט... אין מיל גייט ער... צום ביק אין מיל...

די טאַנדעטניטשקע האָט אויף אים אַזאַ בייזן בליק געטון:

– גיי... אין דער ערד גיי... דערלעב נישט קומען...

און ער האָט צו איר נאָך אַלץ מיטן קאָפּ געשאָקלט:

– יאָ, יאָ, צום ביק אין מיל.

פּאַמעלעך איז ער די שטאָט דורכגעגאַנגען, זיך גענומען לינקס און אַוועקגעשפּאַנט אַהין, אין איינזאַמען טאָל, ווו דער שנייענדיקער שטורעם האָט זיך מיט רויך אויסגעמישט און אַרום מיל אַ קײַלעכדיקס געכאַפּט.

דער אָנגעפּלצטער מילסטרוזש האָט אים דערזען, זיך אין טויער געשטעלט און אים אין מיל נישט געוואָלט אַריינ־לאָזן, האָט ער זיך גענומען מיט אים ראנגלען; ער האָט צע־האַרגעט דעם סטרוזש, דער סטרוש האָט אים צעהאַרגעט. מ'האָט ענדלעך דעם אוראָדניק געבּראַכט, וואָס האָט אים צו־צווי גוייִם אין די הענט איבּערגעגעבּן.

נאָך דעם איז אַ פּראָסטיק שטילע און אויסגעשטערנטע נאַכט געווען.

פאַרטאָג פאָרט זיך אַזוי שטיל אָן אָנגעפּאַקטער שליטן מיט דרימלענדיקע ייִדן, פאָרט ערגעץ אויף אַ יאַריד, וואָס אין נאָענטן שטעטל. אַרום איז אַזוי שטיל. דרימלט זיך אין דער רעכטער האַנט דער פויערשער בייטשעלמין, שלאָפט זיך לינקס וואָוע ביקס ווייסע שטוב מיט איר לאַנגן סאָד. און איבּער אַלץ אַ פאַרטאָגיקער ריינער הימל מיט אויסגעלאָשענע שטערנדלעך, וואָס ווינקן זיך נאָך ערגעץ ווו דורך ווענן אַ בּעהיים נאַכט־מייסעלע.

ייִדן פאַרלירן אַלעמאָל די פאַרשלאָפענע קעפּ און דרימ־לען איין מיט אַ פרומען ביטאָכן־געדאַנק:

„מירצעשעם אַ גוטער יאַריד...“

פּלוצים: אַ שנאָרך פון אַן איבּערגעשראָקענעם פערד, אַ סראָג דעם שליטן אין אַ זייט מיט אַן איבּערגעשראָקענעם בּעשריי פונעם פויער, דעם אָנטרייבּער:

— טפּררו!!

ייִדן דערוואַכן פונעם דרימל מיט אַזאַ מוירעדיקער שרעק; בּיי יעדן פון זיי קלאַפּט שנעל דאָס האַרץ:

— וואָס איז געשען?

דער פויער שטייט שוין פאַר די פערד און שילט זיך מיט ביזלבּעדיקע קלאָלעס:

— אַ טשאָב טאָבי... טשוט, טשוט טשילאָוויקאַ ני פערע־איכאַלי!...*)

ייִדן לויפן געשווינד צום פויער, בּייגן זיך אָן און דער־קענען דעם טויבן:

---

*) אַ, זאָלסטו... שיר, שיר קיין מענטשן נישט איבּערגעפּאָרן.

ער ליגט זיך אַזוי אַן אײַנגעהויקערטער אינעם צוגאַר-
טלטן חאַטענעם לײַבל מיטן אָנגערוקטן שמויסענעם היטל און
האַלט אַ האַק אין דער האַרט געשלאָסענער רעכטער האַנט.

ער איז נאָך וואַרעם, לייגט מען אים אויפן שליטן און
מען פירט אים אַפּ אַהיים. אַ ברײרע האָט מען?

ייִדן יאַרידניקעס זענען אַזוי אומצופרידן, קוקן אויפן
בלאַסן מיזרעך און קלאָגן זיך:

— פאַרשפּעטיקט דעם יאַריד, ווי איך בין אַ ייִד.

און אין שטאָט האָט מען שוין באַלד פשאַט לערנען
אָנגעהויבן:

— וואָס זשע, ס'איז אַ נײַעס? דער טויבער האָט פאַרטראַכט
דעם ביק האַרגענען.

ערגעץ האָט זיך שוין געפונען אַן איידעס-זאָגער, וואָס
האָט דעם ביקס פּאַכעד גרעסער געמאַכט.

אָט ווען איז דאָס געווען? שפּעט בײַנאַכט איז ער אונ-
טערן ביקס שטוב דורכגעגאַנגען און געזען: איינער אַ מענטש
דראַפּעט זיך אויפן הויכן פּאַרקן, קלעטערט און דראַפּעט זיך;
ס'איז אויף אים אַ פּאַכעד אָנגעפאַלן, איז ער אַנטלאָפן.

— און וואָס נאָך: ווער ווייסט נישט, אַז דער טאַנדעטניק
געפינט אַלע גאַנצפרי זײַן טיר אָפּגעשלאָסן?

בײַם ביק האָט מען טאַקע באַלד אַ געזונטן גוי, אַ סטרוזש
געדונגען, וואָס האָט גאַנצע נעכט געקלאַפּט אינעם הויכן
פּאַרקן; און דער האַלב דערפרוירענער טויבער איז צוויי וואָכן
נאָכאַנאַנד שלאָף געווען. און ווי אַ גוילעם זיך געוואַלגערט
אין בעט וואָס אין זײַן נאַסער קיך.

עמעצער האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און דעם דאָק-
טער אַרײַנגערופן, אַ יונגן אויסגערוטן און גוטיטשקן דאָקטער,
וואָס האָט געהאַט וואָנסעס מיט שוואַרצע קלוגע אויגן. ער איז
לאַנג געזעסן לעבן אים, אָט דער גוטיטשקער און אויסגערו-
טער דאָקטער, לאַנג אַרײַנגעקוקט אין טויבנס גלײַכגילטיקן
פּאָנעם און לאַנג אויסגעהערט די מײַסע, וואָס די אויסגעדאַרטע
טאַנדעטניטשקע האָט אים, רײַסנדיק דעם שמאָלן און הייזעריקן
האַלדז, דערציילט. אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט,

האָט זיך אים אפּאָנעם אויסגעוויזן שרעקלעך וויכטיק און אינ־טע־רעסאַנט. דערפאַר איז ער געזעסן שטיל, פאַרטראַכט און מיט גרויס דערעכצרעץ.

און שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג איז ער ווידער געקומען, אָט דער זעלבער יונגיטשקער און אויסגערוטער. דאָקטער מיט די זעלבע קליינע וואָנסעס און שוואַרצע קלוגע אויגן, און ווי־דער לאַנג לעבן טויבנס בעט געזעסן.

ער האָט אין טויבנס פּאָנעם געקוקט און געטראַכט.

דער טויבער האָט אין זײַן פּאָנעם געקוקט און אויך געטראַכט.

און דאָך האָט איינער דעם צווייטן נישט פאַרשטאַנען. אַזוי ווײַט און פאַרשידן זענען זיי שוין געווען, אָט די צוויי ברויִם וואָס האָבן זיך גלײַך אין די אויגן געקוקט.

דער טויבער האָט זיך טאַקע צום סאָף מציאשעוו גע־ווען און זעלבשטע:דיק געזונט געוואָרן, אָן אַ שום הילף פון מענטש, ווענן וועלכן ער האָט שוין קלערן נישט געקאָנט.

ס'איז אַזוי מערקווירדיק געווען.

אַליין איז ער עפּשער נאָך קרעפּטיקער און געזונטער ווי פאַר דער שלאַפקייט געוואָרן און דאָך איז אים אַ מיִע־סער פעלער פאַרבליבן:

ער האָט אויפגעהערט שלאָפן בײַנאַכט.

אַ הויכער, ברייטביייניקער און גלײַכגילטיקער האָט ער אין שטוב אַרומגעבלאָנדזשעט און געשוויגן צווא:ען מיט די שטילע און פינצטערע נעכט.

אַזוי לאַנג און פינצטער זענען די נעכט געווען, און אײַנגעהילט האָבן זיי אין זייערע טונקעלע טיפקייטן די גאַנצע פאַרכאָלעמטע וועלט, און פאַרשלעפּערט האָבן זיי אַלץ וואָס האָט געלעבט און געטראַכט, כוץ אים, דעם איינציקן וועלט־דויפעק, ווס האָט נישט געטאָרט רוען, נישט געטאָרט אָפילע טראַכטן וועגן רו.

הין און צוריק האָט ער איבערן קליינעם שטיבל אַרומ־געשפּאַנט, געקלאַפּט ווי אַן אומרו און געטראָגן אויף זיך די יסורים מיט דער מאָרעשכוירע פון די שלאָפנדיקע. ער איז נישט געווען מיד און האָט נישט געטראַכט וועגן רו. אָט ווען

עמעצער זאָל אים געווען בײַ דער האַנט אָנכאַפּן און אים אָפּשטעלן, וואָלט ער זיך, נישט אַרומקוקנדיק, אויסגעריסן פון אים און וואָלט ווידער געשפּאַנט.

װאַרפט זיך אַמאָל אינמיטן דער נאַכט דער טאַנדעטניטשקעס קליין קינד דורך, לאָזט אַרויס פריִער עטלעכע קרעכצן און נאָך דעם אַ געוויין.

די טאַנדעטניטשקע כאַפּט זיך מיט אַ שטאַרק פאַרשלאָפנע פּנים בעט אויף, הייבט עטוואָס אויף דעם שווערן דרימלריקן קאָפּ און שטילט דאָס קינד אײַן:

—גו, שלאָף, שלאָף.

זי רעדט מיט אַזאַ פאַרלעגערטן קאָל, דערהערט, ווי דער טויבער שפּאַנט דאָרטן אין צווייטן כיידער און שעלט אים:

— אַ קרענק אים... עס נעמט אים קיין קויל נישט.

נאָר דער טויבער הערט נישט און שפּאַנט ווידער, אַזוי האַרט און פעסט זענען זײַנע טריט, און די נאַכט איז אַזוי שטיל און שלינגט זיי אײַן שטיל און פּאַמעלעך, אַז די האַרטע און פעסטע טריט, און ווערט אויף נײַ. און באַלד קומען זיי, אַז די נײַע שווערע טריט און קלאַפּן ווי מיט אַ האַמער אין פאַרשלאָפענעם מויעך. עפּשער דערפאַר װאָס די נאַכט איז שטיל און קיינער אַכוץ דעם טויבן שפּאַנט נישט, ווײַזט זיך שוין אויס, אַז דער טויבער וועט זיך אייביק, אייביק אַרומדרייען און די נאַכט וועט זיך אייביק, אייביק ציִען.

די טאַנדעטניטשקע דערשרעקט זיך פאַר דער מאַכשאָווע, דעקט איבער דעם קאָפּ און שלאָפט אײַן מיט אַן אַלטבאַקאַנטן קינדערשן פּאַכעד. אַלץ שלאָפט שוין אין איר, נאָר אינעם דרימלדיקן מויעך דרייט זיך נאָך אַרום אַן אָפּגעריסענע פאַרלעגערטע קלאָלע:

— אַ קרענק!... אַ כאָלערע!...

דער טאַנדעטניק האָט זיך איינמאָל אין אַ בלאַסער נאַכט פון שלאָף דורכגעוואָרפן, דעם טויבן שפּאַנען נישט גע־הערט און גלאַט אַזוי אַ טראַכט געטון:

— עפּשער האָט אים שוין דער רוצך גענומען?

און דער טויבער איז דעמאָלט בײַ זיך אין בעט גע־לעגן און שטיל און אָן אן אויפהער געקלאַפּט מיט די פּיס אין דעם ווענטל פונעם בעט. ער איז נישט שלעפעריק געווען, נישט געוווּסט, צי פאַר דער נאַכט איז אַ טאָג געווען און צי נאָך דער נאַכט וועט נאָך עפּעס זײַן.

עפּעס האָט פון דרויסן דורכן פענצטער אַרײַנגעקוקט. האָט זיך דער טויבער אויף די קניִען אָוועקגעשטעלט און גענומען קוקן אין פענצטער. אַ בעהיימע איז דאָרטן גע־שטאַנען אַ מאָרעשכוירעדיקע און אַן אומגליקלעכע און אײַ־נעווייניק אַרײַנגעקוקט. באַלד האָט ער די בעהיימע דערקענט:

— וואָווע ביקס בעהיימע...

געשווינד האָט ער די האַק געכאַפּט און אין דרויסן אַרויס. אַ בעהיימע איז דאָרטן געשטאַנען, געשלעפּט נאַסע שטרוי פונעם נידעריקן דאַך און זי פאַמעלעך, פאַמעלעך געקײַעט מיט גלײַכע, שטומפּיקע ציינער. זי האָט אים דערזען, די בעהיימע, און פון דער „סטריכע" אַוועקגעגאַנגען, איז ער איר נאָכגע־גאַנגען פאַמעלעך, נישט געאײַלט. אַרום איז שטיל און פּוסט געווען, אַ נאַסער ווינט האָט זיך אין דער בלאַסער נאַכט אַרומגעטראָגן און גלאַט אַזוי קונצן געמאַכט; פון אַ נאָענטן אײַנגעהויקערטן שטיבל האָט ער איינציקע שטרוי פון דאַך אַרויסגעריסן און זיי איבערן אָפּגעלאָזטן ברודיקן שניי פונאַנ־דערגעבלאָזן; און אויף די ביימער, וואָס בײַ אַ רײַכן באַ־לעבאָס אַ שטוב, האָט זיך אָט דער נאַסער ווינט אַרויפגע־כאַפּט און מיט זייערע שפּיצן אינעם אײַזערנעם דאַך געקלאַפּט. ערגעץ אין אַ צווייטן געסל איז אַ ייִד אַ סויכער שפּעט פו־נעם וועג אָנגעקומען און געשמאַק געקלאַפּט אין אַ פענצטער פון זײַן דרימלענדיקער שטוב. אַ מאַכנע הינט האָבן זיך אונ־טער אַ נאָענטער שטוב פאַרײַנדלעך אין די פענעמער געקוקט און זיך מיט די עקן כאַניפעלעך געמאַכט. איינער אַ הונט האָט זיך פון צווישן זיי אַרויסגעריסן און זיך אויף דער בע־היימע מיטן טויבן אַ לאָז געטון, האָבן זיי אַלע נאָכלויפן גענומען. די בעהיימע האָט לויפן אָנגעהויבן, האָט דער טוי־בער די האַק אויפן אַקסל פאַרוואָרפן און זיך געלאָזט נאָך איר. דער ווינט האָט אָן די שפּיצן פון די ביימער פאַרגעסן

און זיך נאָכן בינטל געלאָזן. באַלד האָט זיך דאָס בינטל אין בלאַסן נאַכט-כאַשכעס אויסגעמישט און זיך שוין געשווינד גע-טראָגן איבער שטאָטגריבער, קליינע טאָלן און מיסטבערגלעך.

און גאַנץ פרי האָבן ייִדן דעם טויבן אַ טויטן געפונען און לעבן אים — פעסע דער מילכיקערס געהאָרגעטע בעהיימע.
זי האָט אַזוי געוויינט, אַט די פעסע:
— אַדעראַבע, זאָלן ייִדן זאָגן, וואָס איז זי דאָ שולדיק?...
זי האָט נישט געקאָנט ענדיקן און זיך פאַר האַרצווייטיק פונאַנדערגעכליפעט. און ייִדן זענען דאָ פאַרקלערטע גע-שטאַנען און געשוויגן.

שייוועס געדאַליע

1

אינמיטן גרויע ווײַטע סטעפּעס אין אַ פאַרוואָרפענעם טאָל לעבן אַ ריטשקע (מיט טאָפּאָליעס, מיט ווערבעס) איז געלעגן געדאַליעס היים — אַ פאַרלוירענע נעסט מיט עטלעכע הונדערט ייִדן, אַ פאַרגעסן לעבן אין הוילן דרויסן.

ביימעלעך אין פעלד אַרום דער היים — פאַראַן, נאָר זייער זעלטן, צעוואָרפענע, איינציקע, קליינע.

אויף אַזאַ ביימעלע קוקן אַ מענטשנס אויגן זייער לאַנג און אַליין — אָנעם מענטשן; זיי ווילן טרעפן:

— אַ מענטש, צי ניין?

געווען איז געדאַליע אַ באַלעגאָלע־יונג, ווי זײַן טאַטע, ווי זײַן גאַנצע מישפּאָכע, און גערופן האָט מען אים „שייוועס געדאַליע" איבער זײַן געוורע און איבער זײַן וווקס — פּונקט ווי מען האָט גערופן „די שוואָטים" אַלע זײַנע ברידער.

פון די פיל שטילע ווינטערס און שטילע זומערס האָט געדאַליען טאָמיד גענודיעט אויף דער נעשאָמע און אים אַרויפגעשלאָגן ווי אויף צו ברעכן. וואָרעם געזונט און ווּקסיק איז ער געווען. אַז ער איז געשטאַנען צווישן דערוואַקסענע מענטשן האַט פונדערווײַטנס אויסגעזען, ווי אַ באַהעלפער שטייט צווישן ייִנגלעך, וואָס גייען לייענען בײַ אַ קימפּעטאָרין קרישמע — און זײַנע קוויבעס האָט ער נישט געהאַט אויף וואָס אויסצונוצן.

די יאָרן זענען געווען לאַנגווײַליקע און נאַקעטע, ווי די גרויע סטעפּעס אַרום שטעטל, — סטעפּעס, וואָס זיי מעסטן דעם הימל און דער הימל מעסט זיי.

און געדאַליעס באַלעגאָלישע גלעקער ציילן אויף זיי אין די לאַנגע זומערטעג די מינוטן, ציילן פּינקטלעך אַ שאָ פּערטהאַלבן צום וואָקזאַל, אַ שאָ פּערטהאַלבן פון וואָקזאַל, און נאָך דעם, אַז

מען קומט פּאַרנאַכט אַהיים און מען שפּאַנט אויס, שמעקט פון דעם פאַרגאַנגענעם זומערטאָג מיט שווייס פון אַ מידן פערד און אויך מיט אַזאַ רייעך שמעקט פון דער קומענדיקער נאַכט. מען לייגט זיך שלאָפן, מען שטייט אויף און מען טוט ווידער דאָס זעלבע וואָס נעכטן.

די היים קען מען פאַרלאָזן אויף אַ וואָך און אויף מער און זײַן זיכער, אַז דאָרט וועט גאָרנישט נישט פּאַסירן.

דאָס שטעטל האָט געדרעמלט אין גרויס אָרעמקייט. און קיצווע, האָט זיך געדאַכט, נעמט עס אייביקע — קיצווע פונעם הימל. און פּלוצים...

פּלוצים האָט זיך אין דער צײַט איבערגעקערט אַן אַלט־פאַרראָסטעט רעדעלע, זיך אָנגעהויבן צו דרייען און צו יאָגן. פּלוצים האָט זיך דעם קליינעם אָרעמען שטעטעלע פאַרגלוסט רײַך ווערן.

כאָטש אַרום און אַרום איז גאָרנישט געשען... און נישט גלאַט אַזוי פאַרגלוסט — דאָס איז געווען אַ ברענענדיקער פיבער, אַן אונטערגאַנג, אַ קרענק פון וועלן רײַך ווערן. די קרענק האָט אַרומגעכאַפּט פון אַ גאַס ביז אַ געסל, פון אַ הויז ביז אַן אונטער־שטיבל און ביז אַ פאַרשטופּטן אַלקער, ווו עס ווינט אַ פריש כאַסענע־געהאַט אָרעם פאָרפאָלק. און מאָדנע איז דאָך געווען — ווײַל פיל האָבן דעמאָלט ווירקלעך פּלוצים אָנגעהויבן רײַך צו ווערן.

געדאַליע האָט צוגעקוקט, ווי קימאַט אַלע אין זײַן שטעטל יאָגן אַרום איבער דער געגנט. אַלע פליִען, אַלע לעכצן און טרײַ־קען, ווער מער און ווער ווייניקער, פון אָט דעם שטאַרקן, ברויזנדיקן געטראַנק. ער האָט דאַן, ווי טאָמיד, געטריבן אַלע טאָג זײַן פערד צו דער באַן, געטריבן מיט גרויס פוילקייט, מיט פאַר־דרוס און האָט שטיל, נאָר בייז געשאָלטן:

— אַ בראַנד אין זיי...

— אַ כאָלעריע!...

געמיינט האָט ער די פיל נײַע אויפשפּראָצנדיקע גווירים.

אַליין איז ער פון טאָמיד אָן געווען דער שווערסטער פאַר־שוין בײַ זיך אין וואָגן, כאָטש געווען איז ער נאָך אַ יונגער באָ־

דערבײַ שמייכלט בײַם זשאַנדאַרם בלויז די רויטע, שיקערע נאָז. זײַנע באַטרונקענע אייגעלעך דריקן אויס לײַטישקייט — לײַטישקייט פון אַ מענטשן, וואָס כאָטש מע איז אַקעגן אים אַ כאַזער און מע גיט אים קיין כײַלעק נישט, פונדעסטוועגן האָט ער מיטגעפיל און שטערט נישט.

— לאָמיר זײַן געזונט! — קערט איבער זײַן גלעזל אין צעכראַסטעטן מויל אַרײַן דער באַלעבאָס פון בופעט און מאַכט אַ באַוועגונג אויף אָנצונעמען די רויטע שמאַטע, וואָס ליגט בײַ דער זײַט און אויף צו פאָכען מיט איר, קעדיי אַראָפּצוטרײַבן פון איר די מאַכנעס שוואַרצע בײַסיקע פליגן.

אין דרויסן, אויף דער פלאַצפאָרם, לאַנגווײַליקט זיך דער געקומענער צוג. די וואַגאָנעס, דער לאָקאָמאָטיוו, די מענטשן און אַפילע די זומערדיקע זון, וואָס באַלײַכט זיי — אַלץ זעט אויס, ווי אין אַ צײַט פון פּאַראַקשנטן שטרייק, און דער פירער פונעם שטרייק — אַזוי דאַכט זיך — איז דער וואָקזאַל־זייגער. זײַנע ווײַזערס רוקן זיך נישט — ער שטייט. די יעניקע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן נישט קיין פּעקלעך און האָבן נישט מוירע, אַז מע וועט זיי באַגאַנווענען, שטייען אַלע אין דרויסן. אַרויסגערוקט מער ווי אַלע שטייט אַ פּעטער ייִד מיט אַ געלער וויכער באָרד און קוקט צו אַ צווייטן ייִדן, אַ לאַנגן דראָנג, וואָס קומט אַרויס פון וואָקזאַל.

— מוישע! — שרײַט ער מיט אַ קאָל פון אַ ייִדענע צום לאַנגן, — נו, וואָס הערט זיך? מע וועט אַמאָל פאָרן? מוישע?

— ווער, וואָס, ווען? — ענטפערט יענער, — ס'איז נאָך פאַר אַלע „האַיעמס", מע האַלט נאָך גאָר פאַר „מאַ־טויוו".

— וואָס אי־דען, מוישע?

— הערסטאָך — ענטפערט דער לאַנגער, — די קאָטלעטן... זיי ליגן נאָך אַלע אין בופעט אויף די בעקנס.

אַ ווײַלע איז שטיל. ביידע — דער לאַנגער און דער פּעטער — שטייען צווישן די פּאַסאַזשירן און קוקן אַזוי לאַנג צו איינער אַ וואָקזאַלטיר, ביז פון איר קומט אַרויס אַ האַלב־אויסגעפּוצטער יונגערמאַן, וואָס טראָגט אַ גומענעם קראַגן און אַ שרײַענד־ק פאַרביקן ביליקן שניפּס.

זאַל-זשאַנדאַרם, און רעדט דערבײַ וועגן זײַנע געשעפטן זייער האַרציק, קלאַפּנדיק מיט אַ פויסט אין ברוסט:

— איך בין, ווייסן אַלע, אַן אָרטיקער, אַן עמעסער אָר-טיקער, און ווי פאַרשטייסטו?...—פרעגט ער בײַם זשאַנדאַרם. — אַז מיר האָבן זיך דערלעבט אַ שטיקל אייגן לאַנד, דאָ ווו מיר וווינען, דאַרף איך אויך דערפון עפּעס געניסן?... זאָג: יאָ צי ניין?... נו, גוט! זאָגט מען צו מיר: דו לעקעש איינער, דו נעם אין אַרענדע דעם בופעט אויפן וואָקזאַל, וועסט פאַרדינען אַ בײַטל מיט געלט, זאָגט מען מיר, וועסט ווערן רײַך. נו געמאַכט, גענומען אין אַרענדע דעם בופעט — סײַ-ווי-סײַ האָט מײַן ווײַב פריער געדינט בײַם פּאָרעץ, פון אירע קאָטלעטן האָבן אַלע געלעקט די פינגער. איז שוין דאַכט זיך גוט, אַ?... זענען זיך מעיאַשצוו די זשידעס און ווילן בײַ מיר אין בופעט די קאָטלעטן נישט קויפן. וואָס איז? „טרייף" זאָגן זיי. אַך, אַזוי גאָר? — איז געדענקט זשע, אין אײַער מאַמעס קישקעס אַרײַן! איך וואַרט אַ וואָך, איך וואַרט צוויי און דרײַ וואָכן — מײַנע קאָטלעטן קויפט מען נישט, איך דערלייג דעם קאָפּ. גיי איך אַוועק „צו וועמען מען דאַרף" און רוף זיך אָן צו אים אַזוי: „הער זשע אויס, גוטער ברודער, האַלב אויף האַלב; מיטן גאַנצן פאַרדינסט פון די קאָטלעטן צעטיילן מיר זיך ביידע, נאָר מאַך, גוטער ברודער, אַזוי, אַז די זשידעס זאָלן די קאָט-לעטן קויפן". טוט ער אַ טראַכט, אונדזערער הייסט עס, און ענטפערט מיר אַזוי: „גוט, ענטפערט ער מיר, ס'וועט זײַן רעכט. דו הייס, זאָגט ער, דײַן ווײַב, זי זאָל צוגרייטן וואָס מער קאָטלעטן, אַזוי — זאָגט ער — אַ שטיקלעך פיר פינף הונדערט קאָטלעטן". איצט איז שוין רעכט. וואָס גייט עס מיך אָן, צי יאָ טרייף, צי נישט טרייף — דאָס איז אײַערע זשי-דאָווסקע מײַסעס דאָרטן?... איך ווייס מיר איין זאַך: איך האַלט דעם בופעט אין אַרענדע אויף צו פאַרדינען און נישט אויף צו דערלייגן, און איר זשידעס, איר זענט פּאַסאַזשירן — צי איר ווילט יאָ, צי איר ווילט נישט — איר מוזט אויסקויפן אַלע טאָג די קאָטלעטן. וועמען גייט עס אָן, צי איר עסט יאָ טרייף, צי איר עסט נישט טרייף? נישט גערעכט עפּעס, וואָס?...

— לאָמיר זײַן געזונט — ענטפערט דער זשאַנדאַרם און קלאַפּט זיך מיט אים מיט די גלעזלעך.

איידער אַהין וועט דערגרייכן דער צוג. וואָס נעענטער מע דער־זעט זיי דורך די פענצטער, אַלץ מער באַמערקט מען, אַז זיי זענען גראָבינקע, פעטינקע, שמוציק־געשוואָלענע שקאָצימלעך. זייערע פאַררויטלטע פענעמלעך זענען אָנגעגאָסן מיט פרישער בלוטיקער זאַפט. די הענט און די פיס — פעט און אָנגעבלאָזן ווי לאָמפּנגלעזלעך. זייערע אויגן קוקן פריילעך, ווי די אויגן פון יונגע זאָרגלאָזע פּרעסערלעך.

ווען דער צוג בלײַבט שטיין בײַ דער סטאַציע, וואַרטן שוין דאָרט די שקאָצימלעך. זיי פאַרכאַפּן פּלעצער בײַם אַרײַנ־גאַנג אין וואָקזאַל, אָטעמען שווער נאָכן געלויף און קוקן צו דער טיר, ווי הינט — צו דער טיר פון אַ יאַטקע; זיי שטויסן איינער דעם צווייטן, ווי כאַזאַקע־מענטשן:

— לאָז, אַנישט גיב איך דיר אין פּיסק!

— טרעט אָפּ!

— דאָ בין איך געשטאַנען נעכטן.

— ס׳איז מײַן אָרט! דאָ שטיי איך אַלע טאָג.

און פונעם וואָקזאַל טראָגט זיך דערווײַל אַ רייעך פון פרישע הייסע קאָטלעטן, וואָס זענען אײַנגעהאַקט מיט אַ סאַך ציבעלעס און ווערן געפּרעגלט אין הייסער שרײַענדיקער כאַזער־שמאַלץ. דער רייעך שפּאַרט אַרויס פון אַלע אָפענע פענצטער און קיצלט אין דער נאָז אַזוי שטאַרק, ביז עס ווערט זייער נאַס אין מויל און עס הייבן אָן צו טרערן די אויגן...

אין וואָקזאַל, לעבן דעם לאַנגן טיש, וואָס איז באַדעקט מיט גאַנצע בעקנס הייסע קאָטלעטן, שטייט דער באַלעבאָס פונעם בופעט — אַ ציגײַנעריש־שוואַרצער גויעץ מיט בייזע אַרויסגעקראָכענע אויגן און מיט ברודיק־שוואַרצע פעטע נעגל. זײַן קויטיק העמד איז צעכראַסטעט און אויך זײַן מויל מיט די גראָבע ליפּן זעט אויס ווי צעכראַסטעט. פונעם צעכראַס־טעטן העמד זעט זיך אַרויס אַ ברודיקע, שוואַרץ־באַוואָקסענע ברוסט, אַ שווייסיקע און מאַנצבילש־ווילדע, און פון זײַן צע־כראַסטעטע מויל זעען זיך אַרויס שיטערע שוואַרץ פאַררויכערטע ציין. ער האַלט אין איין גיסן שנאַפּס אין די צוויי אָפּגעטרונ־קענע גלעזלעך, וואָס שטייען לעבן אים און לעבן דעם וואָק־

סטאַציע קאַטלעט

פאַראַן אַזאַ סטאַציע אין איינעם פון די לענדער, וואָס געפינען זיך אין שכיינעס מיט רוסלאַנד.

מע פאָרט אַרויס גאַנץ פרי פון דער הויפּטשטאָט; מע קומט אָן צו איר אַרום צוויי אַ זייגער בייטאָג; מע דערזעט: אַן אַלטע הויכע וואָקזאַל-געביידע מיט אַן אָפּגעקראָכע-נעם זשאַווערנדיקן דאַך קוקט אויס די גרינע געגנט אַרום איר באַרג, האַלט אין אויג די ווײַטע צעוואָרפענע דערפלעך, ווי אַ הירט זיינע צעוואָרפענע שאָף.

לעבן וואָקזאַל — אַ פּלאַצפאָרם, אַ ראַמפּע, עטלעכע גרינע און רויטע לאַמטערנעס, אַ שלאַגבוים, אַ וואַסער-טורעם — אַלץ, וואָס אַ באַנסטאַציע דאַרף האָבן.

און נעמען פאַרמאָגט זי צוויי — אַן אַלטן און אַ נײַעם.

דער אַלטער נאָמען ווערט באַנוצט בלויז אין די אָפיציעלע פּאַפּירן, ער דערמאָגט אַ ביסל אָן די נעמען פון די „אַסע-רעס בעניי האָמען" און רעדט זיך אויס נישט גאָר גרינג:

— פּאַרשעווענעשטאַ.

מיטן צווייטן נאָמען באַנוצן זיך די אָפּטע דורכפאָרער, די גאַנצע אַרומיקע באַפעלקערונג, און מע קאָן זאָגן, אַז ער איז אַ לײַכטער נאָמען. יעדנפאַלס רעדט מען אים אויס זייער גלאַט:

— סטאַציע קאָטלעט.

דער צוג לויפט אַהין מיט אַ געשלענגלטן וועג, וואָס זוימט אַרום די ברעגעס ביי אַ קײַלעכדיקן טאָל. דורך די וואַגאָן-פענצטער זעט מען: פון גרין-באַוואָקסענע דערפלעך, וואָס אין ביידע זײַטן, לויפן שקאָצימלעך צום וואָקזאַל. זיי לויפן מיט די פעלדער און מיט פאַרקירצטע וועגן; לויפן פונאַנדערגעשאָטן און געשווינד ווי אין אַ געוועט אָנצוקומען צום וואָקזאַל פריִער,

אויף מאָרגן, ווען ער איז אין גרויסע ווייטיקן און אין גרויס היץ געלעגן בײַ זיך אין דער היים, האָט ער געפילט: עמעצער וועקט אים אלע ווײַלע, ווי פון כאַלאָשעס.

אַלע ווײַלע האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, דערזען, ווי עס דרייען זיך אַרום אים מענטשן, געפינטלט אָקעגן זיי מיט די אויגן, נאָר קיינעם פון זיי נישט דערקאָנט.

ערשט בײַנאַכט, ווען ער האָט בײַנײַס געעפנט די אויגן, האָט ער ווי אין כאָלעם דערקענט דעם ליידיקן אַרבל, וואָס באָמבלט זיך אַקעגן בעט אין דער גופּט — זײַנוולס ליידיקער אַרבל.

אויך דעם ווונק פון זײַנוולס אַ פריילעכן אייגל האָט ער דערקאָנט.

זײַנוול האָט זיך צו אים אָנגעבויגן איבערן בעט און האָט אים הויך אַרײַנגעשריגן אין אויער:

— מאַזלטאָוו, „שייוועט געדאַליע“! מאַזלטאָוו מיט „די ערשטע דרײַ טויזנט“!

ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו שלאָפן.

נאָר דער שלאָף איז געווען אַ מאָדנער, אַ פּאַרטויבטער.

עס איז געווען זייער שטיל.

און ווידער האָט פון ערגעץ ווײַט כוואַליעסווײַז דערגרייכט דאָס דרעשן פון דער מאַשין.

ווידער האָט דער לאָקאָמאָטיוו אָפּגעשטויסן פון דער ראַמפּע שיִער אָנגעלאָדענע וואַגאָנעס.

אין די אויערן האָט זיך ווי אָן אויפהער געהערט:

אַ קלאַפּ.

אַ טויבער שטויס פון בופאָרן.

אַ שטילער קלאַנג.

געדאַליע האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז דער טאָג איז נאָך טונקעלער ווי פריִער.

די לופט איז נאָך טויבער.

די שטילקייט — גרעסער.

עס ווערט נאַכט.

ער איז אַראָפּגעקראָכן פונעם וואָגן און האָט שטיל זיך געגומען גאַנוועגען פון הינטן, ארום און אַרום דער ראַמפּע.

איצט איז ער שוין ווידער געווען, ווי אין טשאד. זײַן געפיל איז געװען אַזאַ, גלײַך מען האָט אים די אויערן שטאַרק פאַרשטאָפּט מיט וואַטע. און ער קוקט בלויז מיט די אויגן. זען זעט ער, נאָר הערן הערט ער נישט קיין מינדסטן קלאַנג.

ער האָט דערגרייכט צו די אָנגעלאָדענע אָפּגעטיילטע וואַגאָנעס, וואָס ווארטן ווײַט פון דער ראַמפּע אויף נײַע, און האָט גלײַך געפונען אַן אָרט צווישן צוויי אָפּגעשטאַנענע וואַגאָנעס.

אַרום איז קיינער נישט געווען.

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט לעבן די רעלסן מיטן פּאָנעם אַראָפּ און האָט צווישן די צוויי אָפּגעשטאַנענע וואַגאָנעס אַרײַנגעלייגט זײַן פוס. איצט האָט ער אָט פון דער זײַט, וווּ עס געפינט זיך די ראַמפּע, דערהערט אַ שטויס פונעם לאָקאָמאָטיוו. ער האָט זיך צוגעדריקט מיט דער ברוסט שטײַפער צו דער ערד און האָט שטאַרק, שטאַרק פאַרמאַכט די אויגן.

גאַנץ פרי האָט אַ ווינטל אָפּגעשטעלט דעם בײַנאַכטיקן דראָבנעם רעגן.

נאָר קילער איז דאָך נישט געוואָרן, ליכטיקער — אויך נישט.

דער קליינער ווינט איז פאַרשווונדן און דער טאָג איז געבליבן אַ פאַרטויבטער, אַ נישטפּילנדיקער, ווי אַ פאַרטערפּעטע לײַב — אַ טאָג וואָס שלינגט אײַן אין זיך קלאַנגען און גיט זיי צוריק נישט אַרויס.

געדאַליע איז געקומען צו דער באַן ליידיק, איינער אַליין מיט זײַן פור.

ער האָט איבערגעוואַרט איין צוג, אַ צווייטן, אַ דריטן. קיין פאַרשוינען ווי אויף צו לעהאַכעס איז נישט געווען.

קיין צוגן האָבן שוין אויך מער קומען נישט געדאַרפט.

געדאַליע איז נאָך אַלץ געשטאַנען און האָט געוואַרט.

לינקס, ווײַט פון וואָקזאַל, האָט ערגעץ געקלאַפּט אַ דרעש-מאַשין.

דאָס דרעשן האָט דערגרייכט אַהער כוואַליעסווײַז און האָט דערמאָנט אָן אויפהער אָן זײַנוולס ליידיקן אַרבל.

רעכטס מיט די רעלסן, וואָס ציִען זיך אַוועק פאַרבײַ דער ראַמפּע, האָט מען אָנגעלאָדן וואַגאָנעס, אָנגעלאָדן זייער שווער און איינציקווײַז.

געדאַליע האָט זיך אײַנגעהערט, ווי מען שטופּט אָפּ פון דער ראַמפּע אַ שווער אָנגעלאָדענעם וואַגאָן.

אָט קומט אונטער איינער פון די רעזערוו־לאָקאָמאָטיוון.

ער טוט דעם וואַגאָן אַ שטויס.

דער וואַגאָן קאָלערט זיך שטיל, ער גליטשט זיך אַוועק אויף די רעלסן.

עס דויערט אַזוי אַ היפּשע ווײַלע.

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ, אַ שטילער קלאַנג פון בופערן — דאָס שטויסט זיך אָן דער וואַגאָן אָן די ווײַטע אָנגע-לאָדענע וואַגאָנעס.

אָנשטאָט אַוועקצופאָרן אַהיים איז געדאַליע אַרויפגעקראָכן צו זיך אויפן וואָגן, זיך אויסגעצויגן מיטן פּנים אַראָפּ און האָט אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ אין דער שטרוי.

מען מאַכט צו אים מיט די הענט, נאָר הערן האָט ער נישט געהערט קיין מינדסטן קלאַנג.

פון דענסטמאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו קאַליקעס.

ער האָט זיך טאָמיד אָפּגעשטעלט לעבן זיי און האָט זיי באַטראַכט גלאַט אַזוי אָן שום געדאַנקען בײַ זיך אין קאָפּ.

זיי האָבן אים צו זיך געצויגן.

זיי האָבן אים ערגעץ וווהין ווי געוואָלט פאַרנאַרן...

און נאָך דעם האָט זיך אים זייער אָפּט אָנגעהויבן כאָלעמען, אַז ער האָט אים שוין, דעם כעסאָרן...

קימאַט אַלע נאַכט אין סאַמע טיפסטן שלאָף, איז צו אים אָט דער כאָלעם געקומען, און געווען איז פאַר אים אי שרעקלעך, אי פול מיט טרייסט...

אין דער נאַכט, אין דער פינצטער, אין סאַמע טיפסטן שלאָף האָט ער פלוצים, ווי אין אַ שרעק, געקאָנט זיצן בלײַבן, זיך אַ שאָקל געבן מיט אַ דרימלנדיקן מויעך, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און אויף גיך, אויף גיך אָנהייבן צו שאַרן אַרום זײַן קערפּער מיט ביידע הענט, טאַפּן, נישטערן און אים זוכן, זוכן אָט דעם כעסאָרן...

נאָר אַ ביסל שפּעטער איז ער שוין ווידער מיט דעם געדאַנק וועגן „אים" שווער געשלאָפן און אין שלאָף געבענקט נאָך „אים", געוואַרט אויף „אים" אין איינער און דער זעלבער צײַט אי מיט שרעק, אי מיט פרייד.

אַליין איז ער שוין צו יענער צייט גאַנצע טעג געווען פאַרטומלט. אַז מען האָט צו אים גערעדט, האָט ער געענטפערט פאַרטויבט.

ער איז צו דער באַן נאָך אַלץ געפאָרן.

און פאַרשוינען זענען פון מאָל צו מאָל געוואָרן ווייניקער און ווייניקער.

געווען איז דאָס אין אָנהייב אָסיען, אַ טאָג אַ טונקעלער, אַ טאָג אָן זון, אַ וואָלקנדיקער, נאָר זייער אַ שטילער, אַ שווערלעכער, ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ.

פון טאָג צו טאָג איז זײַן סינע צו די נײַע גווירים געוואַקסן.

פאַר די אויגן האָט אָן אויפהער אַרומגעשוועבט זײַנוולס ליידיקער אַרבל.

דער אַרבל האָט זיך געבאָמבלט, געבאָמבלט, און ערגעץ טיף אין האַרצן איז שוין דאַן דער באַשלוס געווען אַ פאַרטייקער, אַ פעסטער.

און מיילע, כאַפּט עס אַ שוואַרץ יאָר – ווייניקער מיט אַ שטיקל פוס.

איצט האָט ער שוין נישט געוווּסט, אויף וועמען די קיל בײַ אים אין האַרצן גליט: – אויף די נײַע גווירים, אויף זײַנוולס ליידיקן אַרבל, צי אויף זיך אַליין, אויף אייגענער געוואַלטיקער וווּקס און געוואַלטיקער ברייט.

איצט האָט ער געלעבט ווי אין טשאַד און אַ געפיל איז בײַ אים אָפט געווען אַזאַ, גלײַך מען האָט אים שטאַרק פאַרשטאָפּט די אויערן מיט וואַטע און ער קוקט בלויז מיט די אויגן. ער זעט אַלצדינג וואָס אַרום טוט זיך, נאָר הערן הערט ער נישט קיין מינדסטן קלאַנג.

צום ערשטן מאָל האָט אים אַזאַ געפיל באַהערשט אין איינעם אַ פרײַטיק.

דורכגייענדיק אין מאַרק צווישן די ווײַבער און צווישן די פורן, האָט ער דערזען אָשער דעם פישער, פון דעם ווײַטלעכן דאָרף – אַ פעסטער און רירעוודיקער ייִדל, אַ פאַרשמאָלצעוועטער. ווי אַלע אַנדערע מאַרקייִדן, נאָר דער רעכטער פוס איז בײַ אים אונטערגעהאַקט – צום רעכטן פוס, אַ ביסל העכער פון דער קני, איז בײַ אים מיט פּאַסיקלעך און מיט רימענדלעך צוגעשפיליעט אַ הילצערנע קוליע, אַ גראָבע ווי אַ פוס אָן אַ טריט.

„שייחעס געדאַליע" איז דאָרט אַ ווײַלע געשטאַנען ווי אַ פאַרטעאַדעטער און האָט געקוקט, ווי ער גייט גרינג, אָט דער אָשער, ווי אַלע מענטשן, בײַ יעדן טריט טוט ער זיך בלויז ברייט אַ וויג אין ביידע זײַטן.

געדאַליען האָט דאַן עמעצער גערופן, נאָר בײַ אים זענען די אויערן געווען ווי פאַרשטאָפּט: ער האָט בלויז געזען, ווי

טיף אין וואָגן אונטער דער שטרוי – אַ ברײרע האָב איך?

זײַנוול האָט זיך געגעבן אַ קײַלעכדיקן דריי, ער האָט פֿרײלעך אַ פּאָר געגעבן מיט זײַן לײדיקן אַרבל.

– אָן אַ כעסאָרן גײט דאָס נישט, דו יאָלד אײנער... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?...

און ער האָט גענומען פֿון אים אָפּלאַכן, בילן אויף אים ווי אַ קלײן הינטל אויף אַ גרויסן:

– גראָבער קאָפּ! וואָס קומט דיר אַרויס, וואָס דו ביסט גרויס ווי אַ שקאַפֿע?

און נאָך דעם האָט ער גענומען צושטײן צו אים אָפּט, קימאַט אַלע מאָל, ווען ער האָט אים אין שטאָט באַגעגנט:

— דו, שײוועט גערדאַליע, דו, נעווײלע, דו... מען נעמט און מען לײגט אַנידער בײַ דער באַן אַ האַנט אָדער אַ פֿוס... וואָס זשע? זײ וועלן דיר דאָרט נישט באַצאָלן, וועלן זײ דיר נישט?... זײ זענען קאַרג רײַך, זענען זײ?... אײדעס קריגט מען, זאָג איך דיר, אײדעס קריגט מען, ווי איך — פּאָר צוויי פֿינפֿאונצוואָנציקער.

אָדער:

— דו, גרויסע שקאַפֿע, דו... ווען מען האַקט דיך אונטער ביז די קניִען, בלײַבסטו דאָך נאָך אַלץ צוויי מאָל גרעסער ווי מיכל פּיאַטקע.

דערבײַ האָט ער געהיט „שײוועט גערדאַליעס" הענט, געקוקט ווי זײ רײַבן זיך אָן די קלובעס, ווי אויף פּעטש צו געבן, און איז אַלע רעגע אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זײַט.

– איך האָב אָט אָט דאָ... – האָט ער זיך געקלאַפּט מיט דער געבליבענער האַנט איבערן טאַש, וווּ עס ליגט זײַן געלט-בײַטל – אַשטײגער. וויפֿל, טראָגט דיר דײַן קאָפּ, האָב איך אָט אָ דאָ?

איז אָט איבער אָט דעם זײַנוולען...

5

בײַ „שײוועט גערדאַליע" האָט די קויל אין האַרצן געגליט שטאַרקער.

שטאַנען דאָרט איינינעם מיט אים און געוואַרט אויף פאַרשוינען געווען איז ער דער איינציקער, מיט וועמען „שייוועט געדאַליע״. האָט ביים וואָקזאַל פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ באַלעגאָלישן שמועס.

נעמט זײַנוול אין מיטן זומער און וואַרפט אַוועק — אויס באַלעגאָלע.

— זאָלן אים, זאָגט ער, מײַן באַלעבאָס, צעלובען די ווע־רעם, איך האָב פון אים אַ קרענק.

אַליין פאַרדינגט ער זיך אויפן כוידעש און אַרבעט אין פעלד לעבן אַ רײַכער פּערמע בײַ אַ נײַער דרעשמאַשין, וואָס, פאַררויכערט אינמיטן די סטעפּעס דעם זומערדיקן הימל.

זײַנוול ווערט פאַרברענט פון זון און אַרבעט בײַ דער מאַ־שין פון זונאויפגאַנג ביז זונזעצן.

— סי גוט, דערציילט ער געדאַליען, ווי איך בין אַ ייִד סי גוט.

נאָר אין איינעם אַ שטאַרק הייסן זומערדיקן בײַטאָג ברענגט מען אים צו פירן אין טאָל אַרײַן אויף אַ פור. זײַנוול ליגט אַ פאַרכאַלעשטער.

בײַ דער מאַשין האָט אים אָפּגעריסן אַ האַנט.

אָבער ווי אָפּגעריסן — די גאַנצע לינקע האַנט ביזן אַקסל.

זײַנוול איז איין זאַך, די אָפּגעריסענע האַנט — אַ צווייטע זאַך, מער קערן זיי זיך נישט אָן איינער מיט דעם אַנדערן.

נאָר זײַנוול איז אַ יונג אַ פריילעכער; ער וועט זיך נישט זעצן זאָרגן. ער איז גיך געזונט געוואָרן און פאַר זײַן אָפּגערי־סענער האַנט האָט ער בײַ עמעצן אויסגעלאָדן גאַנצע דרײַ טויזנט רובל — די „ערשטע דרײַ טויזנט״.

איצט גליקט ער, ווי אַלע נייע גווירים וואָס אין טאָל.

געדאַליען האָט ער איינמאָל געטראָפן בײַ דער באַן.

געדאַליע איז געשטאַנען איינער אַליין לעבן זײַן פור; ער האָט אַרויסגעקוקט אויף פאַרשוינען.

— איז וואָס, — האָט זײַנוול צו אים אַ ווונק געטאָן מיט איין אייגל — דרייסט נאָך אַלץ מיטן בײַטשל?

געדאַליע האָט זיך נישט אומגעקוקט.

— איך דריי, — האָט ער פויל אַרײַנגערוקט אַ האַנט

אַ כעסאָרן האָט שוין אויף אים קיינער בעשומויפן זאָגן נישט געקענט.

ער איז ווי פריִער געווען דער שווערסטער פאַרשוין בײַ זיך אין וואָגן, און האָט ווי פריִער געהאַט שווערע געדאַנקען בײַ זיך אין קאָפּ; די געדאַנקען האָבן זיך געדרייט סײַ ווען זײַן פערד איז געגאַנגען פּאַמעלעך, סײַ ווען זײַן פערד איז פויל אונטערגעלאָפן, און אַליין האָט ער אַלץ געהאַט פאַרדראָס אויף די נײַע גווירים, ער האָט שטיל און בייז געשאָ‚טן:

— אַ בראַנד אויף זיי.

— אַ כאָלעריע.

4

ווען אָט די נײַע גווירים וואָלטן געווען נישט קיין אויפגעקומענע, וואָלט עפשער דער פאַרדראָס נישט געווען אַזוי גרויס.

געדאַליע פילט, אַז ער וואָלט פון צען פון זיי אויף איינמאָל געקענט מאַכן אַ לעמעשקע — אַז זיי אַלע זענען רײַך און ער, געדאַליע...

ער האָט געפּרוווט אַ האַנדל טון, אַ בײַט געבן זײַן פערד אויף אַ צווייטן, דעם צווייטן אויף אַ דריטן. בײַ איין „בײַט" האָט ער צוגעצאָלט, בײַם צווייטן „בײַט" האָט מען אים צוגעצאָלט, בײַם דריטן „בײַט" האָט ער ווידער יענעם צוגעצאָלט.

נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז זײַנע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר רובל האָט ער צוגעלייגט, אַליין איז ער קוים געבליבן בײַם ערשטן פערד, און פון דער זײַט האָט מען זיך איבער אים געווערטלט:

— נו, וואָס, געדאַליע? עס איז אַז אָך און ווײ, אַז מע האָט נישט קיין כעסאָרן.

דערצו נאָך האָט זיך געטראָפן די מײַסע מיט זײַנוולען — אויך ער האָט אָנגעהויבן רײַך צו ווערן.

אַ מאָדנע מײַסע:

געווען איז זײַנוול אַ יונגער באָכער, אויך אַ באַלעגאָלע ווי געדאַליע, נאָר נישט אַליין אַ באַלעגאָלע — אַ שמײַסער בײַ אַ באַלעגאָלע.

געפאָרן איז ער ווי געדאַליע אַלע טאָג צו דער באַן, גע-

– דער איקער – האָט ער געזאָגט – זענען די ערשטע דרײַ טויזנט.

פון מויל צו מויל איז אַרומגעגאַנגען:

– ווו נעמט מען „די ערשטע דרײַ טויזנט״ ?

– ער האָט שוין „די ערשטע דרײַ טויזנט״.

– ער וועט אינגיכן האָבן „די ערשטע דרײַ טויזנט״.

אין טאָל האָט מען אָנגעהויבן האַווען, פויזען, אַרומצויאָגן איבער דער געגנט; מען איז געקראָכן פון דער הויט; מען האָט געמאַכט שוטפעס אַכט צען מענטשן, קעדיי צו האָבן איינעם „די ערשטע דרײַ טויזנט״ און נאָך דעם זיך צוריק צעטיילט מ׳האָט געהאַנדלט גאַנצע קאָמפּאַניעס, געווען צוערשט שטאַרק שאָלעם און באַלד נאָך דעם זיך שטאַרק צעקריגט. מען האָט זיך פאַרלאָזט, זיך געלאָדן.

עס זענען אַזוי אַוועק צוויי דרײַ פּאַרהאַוועטע, שיקערע יאָרן, יאָרן פון גערעטעניש און פון אומגערעטעניש.

אַז מע האָט זיך נאָך דעם אַרומגעקוקט, האָט מען דערזען: איינִיקע האָט זיך דאָך אײַנגעגעבן אַרײַנצוכאַפּן „די ערשטע דרײַ טויזנט״. קימאַט יעדערער פון זיי ווערט רײַך. און מאָדנע: קימאַט יעדערער פון זיי האָט אַ וועלכן עס איז כיסאָרן... זאָל זײַן אַ קליינעם, אַבי אַ כיסאָרן.

מען האָט געשמועסט:

– זע נאָר, עס איז דאָך טאַקע אַ טשעקאַווע זאַך.

די גאַנצע מײַסע מיט די כעסרוינעס איז געווען אַביסל אייפגעבלאָזן. גווירים אין טאָל זענען געוואָרן אַ גרעסערע צאָל און ווער פון זיי עס האָט קיין כיסאָרן נישט געהאַט, בײַ יענעם האָט מען אַ כיסאָרן אויסגעזוכט. דאָך האָבן די שטענדיקע רייד שטאַרק געווירקט און דאָס שטענדיקע זוכן כעסרוינעס האָט גע־בראַכט דערצו, אַז יענע, וועלכע האָבן קיין כעסרוינעס נישט גע־האַט, האָבן זיך דערפילט ווי פאַרטיילט און האָבן ביסלעכווײַז אויפגעהערט צו גלייבן, אַז זייער מאַזל זאָל נאָך ווען נישט איז אויפבליִען.

איבערהויפּט האָט אין דעם אויפגעהערט צו גלייבן „שיי־נעט געדאַליע״. ווייל וואָס, וואָס, נאָר אַז ער איז אַ מענטש מיט

און נאָך דעם האָט ער זיך אונטערגענומען אויסצובויען אין געגנט אַלע גרויסע מילן.

און פון יעדן מאָל בויען איז ער געוואָרן פעסטער, רײַ־כער, זיכערער. און גרויסע לײַט, אז זיי האָבן גערעדט מיט אים, האָבן זיי נאָך אַלץ געהאַלטן אַ טיכעלע מיט פּאַרפומען בײַ דער נאָז, נאָר רעדן מיט אים האָבן זיי געמוזט. מען האָט געשמועסט:

— גאָט האָט באַצאָלט שימענען. ער האָט אים באַצאָלט פאַרן רייעך, וואָס פילט זיך פון זײַן מויל.

3

און פּלוצים האָט זיך צו יענער צײַט באַוויזן אין טאָל אַ צווייטער גוויר — דאָס איז געווען יאַנקל, איצע־יויעל דעם מע־לאַמעדס עלטערער זון. אויך אים האָט אָפּגעקליקט, אויך ער איז פּלוצים געוואָרן אַן אַנדערער.

יאַנקל:

אַ לאַנגער, אַ דאַרער, ווי אַלע קינדער בײַ איצע־יויעל דעם מעלאַמעד. קיין באָרד האָט ער קימאַט ווי נישט געהאַט, זײַן לענגלעך פּאָנעם איז טאָמיד געווען רויטלעך, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אײַנגענומען אַ ביטערן פּראָשעק.

גערעדט האָט ער זייער שטיל, ווײַל איצע־יויעל דער מע־לאַמעד איז אַליין געווען אַ טויבער און אַלע קינדער זענען בײַ אים געווען טויבע און שטאַרקער פון אַלע איז בײַ אים געווען טויב יאַנקל.

געהאַנדלט האָט ער מיט פלאַקס; פון פלאַקס איז ער רײַך געוואָרן, כאָטש ער אַליין האָט נישט געוווּסט ווי אַרום און ווי אַזוי.

— די ערשטע דרײַ טויזנט רובל געדענק איך נאָך און דאָס איבעריקע קומט שוין בעמיילע. דאָס איבעריקע קומט שוין ווי אין אַ טשאַד, ווי אין אַ כאָלעם.

אַזוי האָט דערציילט יאַנקל און דערבײַ איז אים זײַן לענג־לעך פּאָנעם געווען אַ ביסל פאַרקרימט, גלײַך ער האָט נאָר וואָס אײַנגענומען אַ ביטערן פּראָשעק.

באַרן קישעף, און עס קומט אויס ווי זיי בעטן: „קומט אַרײַן!“. און אינגאַנצן זעט אויס דאָס מויערל ווי אַ ניגן, ווי אַ פריי־לעכער יאָנטעוול, וואָס מען האָט אים פארשלאָסן אינעם גלע־זערנעם שראַנקל, און דער יאָנטעוו ציט זיך דאָרט אייביק, אייביק.

דער פּאָרעץ האָט פאַרגעסן אָן דער גלאָז ווײַן, ער האָט געפרעגט:

— ווער האָט דאָס מויערל געמאַכט?

שימען האָט געענטפערט:

איך און מײַנע קינדער; איך האָב פאַרטראַכט, מײַנע קינדער האָבן אויסגערעכנט און אויסגעפירט.

דער פּאָרעץ האָט געזאָגט:

— איך האָב דאָ אין געגנט אַ מאַיאָנטעק. איך האָב מיר אָנגעהויבן צו בויען דאָרט אַ הויז, נאָר איך האָב אויפגעהערט, ווײַל אַלע היגע בוימײַסטערס זענען גרויסע קאַליקעס. זיי וואָלטן מיר אויסגעבויט אַ שטאַל נישט קיין הויז, און אַזאַ הויף ווי אָט דער קליינער מאָדעל, וואָלט איך זייער געוואָלט האָבן.

שימען האָט געזאָגט:

— איך און מײַנע קינדער קענען דאָס אויסבויען.

דער פּאָרעץ האָט געפרעגט:

— וויפל דאַרף עס קאָסטן?

שימען האָט געענטפערט:

— עס לאָזט זיך באַרעכענען.

און פרײַזן האָט שימען ליב געהאַט צו שטעלן הויכע. ער האָט ליב געהאַט גוט צו פאַרדינען אפילו בײַ זײַן חײַן.

דער סאָף איז געווען:

שימען האָט אויסגעבויט דעם פּאָרעץ פונקט אַזאַ הויף ווי דער מאָדעל בײַ אים אין גלעזערנעם שראַנקל.

און נאָך דעם האָט מען אים אין צוקער־פאַבריק אָפּגעגעבן אויפצושטעלן אַלע גרויסע געמויערטע קאָרפּוסן.

און נאָך דעם האָט ער זיך אונטערגענומען ערגעץ אין אַ שטאָט אויסצובויען די קאַזאַרמעס, די שטאָטבאָד און דעם שטאָט־טעאַטער.

כער. שווער איז בײַ אים געווען נישט בלויז דער קערפּער, נאָר אויך דאָס לאָשן און די געדאַנקען.

פונדעסטוועגן האָט ער, פירנדיק אין וועג פאַרשוינען, טאָ־מיד געהאַט אַוועלכע עס איז געדאַנקען בײַ זיך אין קאָפּ. די געדאַנקען האָבן זיך דעמאָלט בײַ אים געדרייט, סײַ ווען זײַן פערד איז געגאַנגען פּאַמעלעך, סײַ ווען זײַן פערד איז פויל אונ־טערגעלאָפן. מערסטנטייל האָט ער געשוויגן. נאָר אַמאָל, ווען די פּאַרשוינען האָבן אונטער זײַנע פּלייצעס אָנגעהויבן צו דרעמלען, האָט זיך געקאָנט טרעפן, אַז ער זאָל פּלוצלונג אָנהייבן:

— געווען פריִער בײַ אונדז אין טאָל איינער אַ גוויר, יִיסראָעל נאָסנס, פון אַלע צײַטן אַ גוויר און איצט... אַ שטיק אַכצן שוין, אָדער צוואָנציק — צו אַלדי רוכעס. אַ ? זײַנוול שוין אויך אַ גוויר... געהערט די מײַסע מיט זײַנוולען ?

2

דער ערשטער האָט אין יענעם טאָל בײַ דער ריטשקע אויפגעהויבן דעם קאָפּ שימען מייטעס, אָדער שימען דער קע־נצר. אין איינעם אַ זומער האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן צו גליקן, כאָטש ביז יענעם זומער האָט ער זיך מיט גאָרנישט אויסגעצ־ייכנט, אכוץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ קענער און אכוץ דעם, וואָס פון אים און זײַנע קינדער האָט זיך שטאַרק גע־פילט פונעם מויל.

דער פּאָרעך, אַ יונגער, זייער אַ צעטראָגענער. בײַ שימענען אין שטוב איז ער נישט אײַנגעזעסן קיין רעגע אויף איין אָרט, ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום טיש מיט דער גלאָז אין האַנט. און ווי ער האָט זיך אַזוי אַרומגעדרייט, האָט ער דערזען:

אַנטקעגן, אין אַ גלעזערנעם שאַפקעלע, שטייט אַ קליינער מאָדעל, אַ צווייגאָרנדיק הייפל אויסגעפּײַלט פון האָלץ צי פון קאַרטאָן, און אָפּגעפּאַרבט ווי אַ רויט, ציכטיק און זינגענדיק מויערל. פענצטער האָט עס פּריילעכע, ווי פּריילעכע כיינעוו־דיקע אויגן. טירן און אַרײַנגאַנגען — באַדעקט מיט קונציקע טאָקערײַען און שניצערײַען; גאַניקעס הויכע, גלעזערנע און דאָך וויכע; טרעפּ וואָס זענען באַדעקט ווי מיט אַן אומזיכט־

— באַרישפּאָלסקי! — שרײַען זיי צו אים, — איר האָט גערעדט מיטן נאַטשאַלניק? נו, וואָס זאָגט ער?

באַרישפּאָלסקי קוקט צו דעם גלאַנץ פון זײַנע אייגענע פריש אָפּגעפּוצטע שיך און בלײַבט שטיין פונוויַטנס.

— דער נאַטשאַלניק? — שמייכלט ער, — וואָס זאָל ער זאָגן?... פּכע, ער פּאַרלייגט אַ קלאָץ: „דער וועג, זאָגט ער, איז אויף דער אַכטער וויאָרסט פּאַרנומען"... ער מאַכט שטיק, מאַכט ער. מע ווייסט דען נישט?... ער האָט אַ כיילעק בײַם בופעטשיק אין די קאָטלעטן.

— איז וואָס זשע וועט זײַן, באַרישפּאָלסקי?

— וואָס זאָל זײַן? מענטש איינער, ביזוואַנען מע וועט נישט אויסקויפן אין בופעט די קאָטלעטן, וועט מען ווײַטער נישט פאָרן.

— וואָס זשע דאַרף מען טון?

— מע דאַרף אויסקויפן די קאָטלעטן.

— וואָס רעדט איר, באַרישפּאָלסקי? — באַליידיקט זיך דער פּעטער מיט דער געלער ווייכער באָרד, — איך וועל גיין עסן טרייפע קאָטלעטן? עפּעס גלאַט אין דער וועלט אַרײַן רעדט איר!

עס גייט צו אַ נײַער ייִד, אַן אָרטיקער, זייער אַן אויּמעטיקער. ער האָט קאַליע ציין, קאַליע אויגן און איז אַ קאַלּטער, נאָר ער קאָן נישט לײַדן, וואָס מענטשן נאַרן זיך.

— מיט צוויי טעג צוריק — דערציילט ער זייער פּאַמעּלעך, זייער אומעטיק און זייער קאַלט, — איז דאָ דער צוג אָפּגעשטאַנען ביז עלף בײַנאַכט. וואָס איז? צווישן די פּאַסאַּזשירן האָבן זיך געפונען אַ פּאָר הײַנטיקע אַקשאָנים, גרויסע כאַכאָמים, איר זאָלט מיר מויכל זײַן. זיי זענען אַרומגעלאָפן איבער די וואַגאָנעס און האָבן יעדן אײַנגערוימט אין אויער: „ייִדן! קויפט נישט קיין קאָטלעטן, לוי מיט אַ ספּאָדיק! דער נאַטשאַלניק מיטן בופעטשיק זאָלן אַפילע קראַפּירן, נאָר איר קויפט נישט. גישקאָשע, ער וועט מוזן לאָזן דעם פּאָיעזד, נאָר נישט נאָכגעבן, ייִדן!" זיי זענען אַלע מאָל געלאָפן צום נאַטּשאַלניק און האָבן אים געקלאַפּט אין טיש, ער זאָל לאָזן דעם פּאָיעזד. נו? האָט ער זיי געהערט? „בײַם לאָקאָמאָטיוו, האָט

ער זיי געענטפערט, איז אָנגעשפּאָלטן אן אַקס, איך קאָן נישט לאָזן דעם פּאַיעזד אויף אומקומען". וואָס זשע, מיינט איר, איז געווען? ס'איז געוואָרן אין דרויסן פינצטער, ס'האָט א בלאָז געטון א קיל ווינטל, זענען נעבעך מײַנע כאַכאָכימלעך אַליין געלאָפן אין בופעט, אַליין געציילט די קאָטלעטן, אַליין אַרומגעלאָפן איבער די וואַגאָנעס צונויפנעמען געלט בײַ די פּאַסאַזשירן...

דער פעטער מיט דער געלער ווייכער באָרד טוט זיך א כאַפּ:

— זיי האָבן געגעסן די טרייפע קאָטלעטן?

דער אָרטיקער אומעטיקער ייד מיט די קאַליע אויגן און קאַליע ציין איז ברויגעז וואָס מע שלאָגט אים איבער. ער קוקט ווי פאַרביטערט.

— וואָס געגעסן?... ווער געגעסן? — בייזערט ער זיך. — איר זענט, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, אַ פּערע אָדעם. געגעסן די קאָטלעטן האָבן אָט די שקאָצימלעך. איר זעט אָן דאָרט בײַם אַרײַנגאַנג שקאָצימלעך, צי ניין? איר זעט, ווי זיי שטייען אויסגעשטעלט בײַ דער טיר? איז צו וואָס, מיינט איר, לויפן זיי אַהער אַלע טאָג פון די דערפלעך? און פון וואָס, מיינט איר, זענען זיי אַלע אַזוי פעט? שוין אַ מײַסע פון דרײַ וואָכן, אַז זיי עסן דאָ אויף די קאָטלעטן. עס הייסט: יידן באַצאָלן אין בופעט פאַר די קאָטלעטן און זיי עסן זיי אויף. אײַ, עסן זיי! איר מעגט שוין אויף כאַריפּעס אָנקוקן, ווי זיי קײַען.

אַרום דעם אָרטיקן אײַנגווינער וואַקסט אַ מענטשנרעדל. צוויי יידן קומען אַרויס פונעם וואָקזאַל און ביידע שרײַען:

— נו, אַן עק.

— אַ סאָף זאָל דאָס נעמען!

— קומט אַהער! — שרײַט אַ דריטער, וואָס לויפט זיי נאָך פון הינטן, — לאָמיר אָנהייבן צונויפנעמען בײַ די פּאַסאַזשירן געלט אויף די קאָטלעטן. אָט־אָ דאָרט פון יענעם עק, פון וואַגאָן צווייטער קלאַס. יונגערמאַן, גיט עפּעס צושטײַער...

בײַם וואַגאָן צווייטע קלאַס שטייט אַ געזונטער געגאָלטער באָכער אין אַ וועליסאָפּעדן־מיצל, ער ענטפערט נישט,

שוויַגט, רייכערט קאַלטבלוטיק זײַן קורצע, שוואַרצע פײַקע און קוקט מיט שטעכיקע אויגן אויף די ייִדן, וואָס ווענדן זיך צו אים, ווי דרײַ קאָהעלעשע גאַבאָיִם.

— גיט צושטײַער, — רעדן צו אים אַלע דרײַ מיט־אַמאָל, — פאַרהאַלט נישט. מ׳קאָן דאָך דאָ אייביק נישט שטיין — מע מוז דאָך אויסקויפן אין וואָקזאַל די קאָטלעטן.

דער באָכער, ווײַזט זיך אַרויס, האָט נישט אומזיסט די גאַנצע צײַט געשוויגן — ער איז אַ שווערער שטאַמלער.

— ננג—יין, — ענטפערט ער מער מיטן קאָפּ, ווי מיטן מויל, — איך גגגגיב נישט... איך בין פפפון אַאפפפריקע... איך האָב אַן ענגלישן פפפפאַס.

— נו, אָט, — זענען די גאַבאָיִם אויסער זיך, — אַכיינו בּניי ישׂראָעל... גיי הייב אָן מיט אונדזערע...

— איר וועט מיר גלייבן? — רופט זיך אָן דער אָרטי־קער, דער אומעטיקער — איך האָב שוין עטלעכע מאָל געוואָלט נעמען אויף זיך דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט, איך מיין: אָפּמאַכן מיטן בופעטשיק פאַר די קאָטלעטן סטאַביל, אָפּדינגען, פאַרשטייט מען, בײַ אים אַ ביסל און צונויפנעמען דאָס געלט בײַ די פּאַסאַזשירן. אַליין וואָלט איך, פאַרשטייט מען, אויך דערפון עפּעס געהאַט. וואָס טוט מען נישט, אַז מע גייט אַרום אָן פּאַר־נאָסע? איך האָב שוין געפּרוווט אַזוי מאַכן עטלעכע מאָל, איז דאָס געגאַנגען בײַ מיר גלאַט ווי אַ מיזמער, אָט אַזוי, לאָמיר זאָגן, ווי אויף אַ גרענעץ — מע שטעלט אָפּ דעם צוג, גיי איך דורך איבער די וואַגאָנעס, נעם צענויף אויף די קאָט־לעטן, מאַך עס איינס און צוויי און נישטאָ קיין שום מײַסעס — דער צוג גייט ווײַטער. נו, איז עס דערויף עפּעס אונדזערע ייִדעלעך... האָט מען אָנגעהויבן צו מיינען, אַז איך ווער אָפּ־געלויעט ווער איך, איך שאַר מיט לאָפּעטעס. האָט מען נישט פאַרגונען, הייסט עס. נו, איז וואָס זשע איז געוואָרן?... נו, שטייט דער צוג. איר מעגט מיר גלייבן: אַמאָל בלײַבט מיר דערפון אויף ברויט, און אַמאָל — נאָר אויף וואַסער צום ברויט...

דער אוילעם שטייט אַרום ייִדן, מע קוקט, מע קוקט אויף אים און מ׳זאָגט צו אים ענדלעך:

— איז נו, נעמט זיך, עפּשער וועט איר עס מאַכן בעסער.

— אַזוי זשע רעדט, — ווערט דער אָרטיקער ייִד ווייניקער אומעטיק, — איר זאָלט נישט געווען וועלן זײַן קיין כאַכאָמים, וואָלט איר שוין לאַנג געהען אַוועקגעפאָרן.

— גיט טאָקע איר, זײַט מויכל, דער ערשטער, — טרעט ער גלײַך צו צו דער אַרבעט,—גיט צושטײַער אויף די קאָטלעטן.

אין אַ שאָ אַרום איז שוין אַלץ פאַרטיק. דער צוג גייט בעשאָלעם אָפּ פונעם וואָקזאַל. אין איינעם אַ וואַגאָן, וווּ ייִדן זיצן אין ענגשאַפט, דערפילט מען, אַז אונטער די פלעצער רודערט עפּעס אַ לעבעדיקע זאַך, מע דערשרעקט זיך, ווי גלײַך עמעצער האָט אַלע מיטאַמאָל אַ ביס געטון אונטן די פיס. פון אונטער דער באַנק הייבט פאַמעלעך אָן אַרויסקריכן אויפן בויך אַ געזונטער ייִד אין אַ קורצן גרויען לײַבל און אין שטיוול. פאַמעלעך שטעלט ער זיך אויף די פיס; מיט פאַרשלאָפענע באַוועגונגען טרייסלט ער אָפּ פון זיך דעם שטויב און זעט אויס, ווי אַ מענטש, וואָס קער זיך נישט אָן מיטן „קלאַל" און פירט אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטיק... ער קוקט זיך אַרום זייער פאָרזיכטיק, טוט אַ גענעץ, בייגט זיך אָן און פרעגט בײַ די פאַסאַזשירן מיט אַ האַלב מויל:

— שוין געווען סטאַציע קאָטלעט?

— שוין געווען, — ענפערט מען אים, — נאָר איר זענט דאָך צו פרי אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער באַנק, קריכט, זײַט מויכל, צוריק אַרונטער, דער קאָנדוקטאָר גייט איצט גראָד איבער די וואַגאָנעס.

— דער קאָנדוקטאָר? — וווּנדערט זיך דער אַרויסגעקראָכענער, — וואָס האָב איך עפּעס מוירע פאַרן קאָנדוקטאָר? וואָס זשע? איך פאָר, כאָלילע, אָן אַ בילעט? אָט איז מײַן בילעט...

בײַם אַרויסגעקראָכענעם פרעגט מען:

— וואָס זשע דען זענט איר געלעגן אונטער דער באַנק?

ער קוקט אויפן אוילעם, ווי אויף יאָלדן, און ענטפערט:

—וואָס זשע? איך בין אַ נאַר? — איך וועל זיי גיין צאָלן פאַר טרייפענע קאָטלעטן? נישט דערלעבן וועלן זיי...

Opłata pocztowa uiszczona gotówką

פּרײַז 60 גר. דריטער יאָרגאַנג № 13. 20 KWIETNIA 1937

„Kinder - Frajnd"

DWUTYGODNIK Wydanie A

Adres redakcji i administracji: Warszawa 1, Miła 33 m. 24.

די נאָענטסטע אויסגאַבע דערשײַנט
דעם 5טן מאַי ה. י.